

# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 252 פרשת וארא · תשפ"ה

**וועלטליכע נייעס:** כאמאס ברוך השם ארויסגעלאזט א צאל משכונות! 11

**היסטאריע בלעטער:** א קרעכץ? אויס פרעזידענט 4

**א סעודה מיט'ן ראש ישיבה:** די ברסלב'ע טערעפי מעטאד! 23

**געשעענישן:** שובבי"ם אין היכל הקודש 50

# אמעריקע איינגעשוואוירן דעם 47'סטע פרעזידענט

למעשה פאר מיר אויף עמוד 10

קרית ברסלב בלעטל

252 • פרשת וארא תשפ"ה

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
אברהם יצחק אייזנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
ש. טראכטער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול



ראש הכולל רעגט זיך 9



כאמאס באפרייט משכונות 11



די שטעטל'דיגע זופ 29

8 מעשה פון תפילה

16 היכל הלכה

25 ברסלב'ע שטוב

37 קינדער בלעטל

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:

אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

## זמנים
וארא י"א טבת

הדלקת הנרות.. 04:46
מוצאי שבת...... 06:17

**מנחה מעריב**
פרשת בא
06:05









בס"ד

כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# אשריכם מחזיקי תורה!

וואס איר שטיצט אונזער כולל ביד רחבה וברוח נדיבה
אז די קול תורה אין כולל זאל אנגיין אומגעשטערט, ובפרט

## הר"ר **אשר לעמיל זוסמאן** הי"ו

## הר"ר **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו

## פרנס חודש טבת

און די חשוב'ע נדבנים פון די פארגאנגענע חדשים

**פרנס חודש ניסן:** הר"ר **לוי יצחק זאפיר** הי"ו, הר"ר **אפרים פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש אייר:** הר"ר **אהרן קליטניק** הי"ו, הר"ר **יעקב פיש** הי"ו
**פרנס חודש סיון:** הר"ר **בניהו אונגאר** הי"ו, הר"ר **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו
**פרנס חודש תמוז:** הר"ר **משה בראדי** הי"ו, הר"ר **מנשה איצקאוויטש** הי"ו
**פרנס חודש אב:** הר"ר **אליהו ציג** הי"ו, הר"ר **מרדכי לייב טירנויער** הי"ו
**פרנס חודש אלול:** הר"ר **יואל טייטלבוים** שליט"א, הר"ר **יואל הכהן ראזנבערג** הי"ו
**פרנס חודש תשרי:** הר"ר **שמעון עוזר גרינפעלד** הי"ו, הר"ר **משה יחיאל פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש חשון:** הר"ר **מרדכי היימליך** הי"ו, הר"ר **שמואל אייכנשטיין** הי"ו
**פרנס חודש כסלו:** הר"ר **ישראל דוד העסקעל** הי"ו, הר"ר **אברהם הערש וועבערמאן** הי"ו

ובזכות החזקת התורה זאל ענק דער אייבערשטער בענטשן בכל
הברכות האמורות בתורה, עס זאל מקויים ווערן די פסוק אורך ימים
בימינה בשמאלה עושר וכבוד וימלא השם כל משאלות לבכם לטובה,
און אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט "ביי וועם איך נעם געב איך"

הנהלת הכולל

# היסטאריע בלעטער



## א קרעכץ? אוים פרעזידענט!

**ש. צ. היסטאריקער**

שוין, טראמפ איז פרעזידענט, מען קען שוין שלאפן רואיג ביינאכט, און אויב זענט איר פון די דאזיגע וואס שלאפן בייטאג קענט איר שוין שלאפן רואיג בייטאג אויך...

חוץ אויב פאלגט איר נאך די נייעס מיט א שטארקייט דאן שלאפט איר בכלל נישט רואיג, ווייל ס'איז זיכער אויפגעקומען עפעס אנדערש וואס זאל אייך נישט לאזן שלאפן רואיג...

ס'איז זיכער אז אפילו דער ארטיקל ווערט געשריבן א שטיק צייט צוריק, דאך איז זיכער יעצט דא עפעס וואס האלט אייך צוריק פון פונקציאנירן געהעריג, אויב קאכט איר אין די נייעס...

פאר ווער ס'האט איבעריגע צייט יעצט בשעת'ן ליינען איז גוט צוריק צו קוקן ווי די לצים האבן מיט קארגע פאר חדשים צוריק זיך גערעעעעגגטט אויף כ'געדענק שוין נישט, גראדע געדענק איך יא, אבער מען קען נישט ארויס שרייבן אויף וואס מען האט זיך דעמאלטס גערעגט, ווייל יעדער האט זיך גערעגט אויף עפעס אנדערש...

עס איז פאראן אסאך קאטאוועס צו טרייבן אויף די וַאל סעזאן וואס איז יעצט געקומען צו אן ענדע, ווען מען איז זוכה צו זיין פארנומען מיט וויכטיגערע זאכן ווי די נייעס, דאן קען מען זעהן ווי צוויי מענטשן רעדן פון די זעלבע זאך און איינער רייסט זיך פאר געלעכטער און דער צווייטער קען נישט כאפן דאס אטעם, פון די זעלבע נייעס. אויב לאכט איר יעצט זאלט איר וויסן אז כ'האב אייך געמיינט...

אבער מיט אן ערנסטן בליק, דארף מען צוריקקוקן און זען אז א נישטיגע זעכצן ביליאן דאלער איז געווארן אויסגעגאסן אריין אינעם פרעזידענטליכן וואל קאמפיין, נישט סתם אפאר מענטשן וואס האבן ביישטייערט 18 דאלער, מען רעדט דא פון ביליאנען...

נאכקוקנדיג ווען ס'האט זיך אנגעהויבן די שפענדעראציע פאר די שטותים. האב איך געזען אן אינטערעסאנטע זאך, ווער איז געווען דער ערשטער צו אויפטרייבן ריזיגע געלטער פאר זיין קאמפיין? דער ענטפער איז איינער, א געוויסער קאנדידאט מיטן נאמען "האווערד דיען".

דער דיען איז אויפגעוואקסן דא אין ניו יארק און שפעטער האט ער געוואוינט דא אין די שכונות, אין ווערמאנט, ער פלעגט שטודירן מעדיצין, (פונקטליך פארוואס ער האט שטודירט און נישט געווארן א דאקטאר, איז טאקע די סיבה פארוואס די וואס שטודירן קומען נישט אן אין ערגעץ...) ווען ער איז געווארן אביסל עלטער איז ער געווארן א רעפרעזענטאטיוו אינעם נידריגן הויז פון ווערמאנט, דערנאך איז ער געווארן דער ליוטענאנט גאווערנער פון ווערמאנט, און דאן ווען דער גאווערנער פון ווערמאנט איז געשטארבן איז ער געווארן דער גאווערנער פון ווערמאנט (ס'איז אזוי ווי איר זאלט זוכה זיין צו ווערן דער מעיאר פון האשקי ...).

אלס גאווערנער פון ווערמאנט איז ער גראדע געווען היפש נישט אין ערגעץ. די וואס האבן אים געגליכן האבן געזאגט אז ער איז געווען מורא'דיג, און די וואס האבן נישט געהאלטן פון אים האבן געזאגט אז ער איז געפערליך. (פונקט ווי פאליטיק היינט, גארנישט געטוישט.)

שפעטער ווען ער איז געווארן אביסל מער פאפולער האט ער פארשטייט זיך אנגעהויבן האבן פייגלעך אין קאפ אז ער מוז גיין גרעסער, און פון א גאווערנער גיין גרעסער מיינט נאר איין זאך, לויפן פאר פרעזידענט.

אין יענע צייט איז געווען פרעזידענט בוש דער צווייטער, א רעפובליקאנער. ער איז אויך געווען אזוי נישט אהין נישט אהער, ס'האט דעמאלטס געהייסן אז אויב וועט קומען א געלונגענער דעמאקראטישער קעגנער און לויפן קעגן אים, קען געלונגען צו אים אנידער זעצן פון בענקל.

און אזוי אינעם יאר 2004 למספרם האט דער דיען זיך ארויסגעלאזט אויף די יארכע צו לויפן פאר פרעזידענט, קודם האט מען אבער געדארפט לויפן אין די פארמעסט צו ווערן דער קאנדידאט ביי די דעמאקראטן, און אזוי ווי נאך צענדליגער אנדערע האט ער אין אנהייב נישט געהאלטן אין ערגעץ, אבער צוביסלעך האט ער זיך ארויפגעארבעט אויפן לייטער און מיט עטליכע חדשים שפעטער געהאלטן ביים אויבנאן, ביים שפיץ. ווי די גוים רופן עס "דער פראנט-ראנער". ס'האט אויסגעקוקט ווי ער גייט עס מאכן.

ער איז געווען דער ערשטער צו נוצן מאסן פאנדרעיזינג צו מאכן גרויס געלט, ער האט

אויפגעטריבן א געשאצטע פופציג מיליאן דאלער, וואס איז געווען זייער אסאך פאר א קאנדידאט וואס איז נאך געווען דאן אין די ערשטע שטאפלען פון זיין געלויף, ער איז געווען דער ערשטער צו מאכן גרויס געלט פון קליינע נדבות, מען האט שוין אנגעהויבן קוקן אויף אים מיט א פארגרעסערונג גלאז, אז ער האט עפעס צו פארקויפן.

די פראצעדור צו ווערן דער ערוויילטער ביי א געוויסע פארטיי ארבעט אויף די וועג:

עס נעמען זיך צוזאם אלע לויפערס און מען הייבט אן לויפן... עה, כ'מאך א דזשאוק.

מען גייט פון סטעיט צו סטעיט, און יעדע סטעיט האט באזונדער אן עלעקשיאן ווי מען שטימט אריין ווער עס זאל לויפן פאר זייער פארטיי. און נאך א געוויסע סכום סטעיטס זעט מען ווער עס נעמט דאס בעסטע אויס ביי די וויילער, און אים נעמט די פארטיי אויף צו לויפן אין די פארמעסט פאר פרעזידענט.

עס איז בעצם אסאך טיפער אבער מיר וועלן עס לאזן ביי דעם.

די ערשטע סטעיט וואס די טראדיציע לויטעט אז דארט דארף מען ווען די ערשטע איז אייאווע (Iowa), דאס איז א טראדיציע וואס איז זייער פארהייליגט ביי די טראדיציאנאלן... פארשטייט זיך אז אזוי ווי זיי זענען די ערשטע סטעיט, לייגן די קאנדידאטן דאס מערסטע כוחות און ענערגיע אויף דעם סטעיט, ווייל ווער עס געווינט די סטעיט האט אן איבערהאנט אז אלע אמעריקאנער זעען אז זיי זענען שטארקע קאנדידאטן.

גראדע אז מען קוקט צוריק זעט מען אז די ענטגילטיגע געווינערס פונעם פארמעסט וואס זענען למעשה געווארן פרעזידענט, אזוי ווי טראמפ אוןביידען, האבן ביידע פון זיי בכלל נישט געוואונען די אייאווע פארמעסט.

אבער סיי ווי ס'זאל נאר זיין איז דאן אין 2004 די אייאווע פארמעסט געווען אויפן שפיץ פון די נייעס, יעדער האט גערעדט און געפרעגט ווער ס'גייט געוואונען און אויך ווער ס'גייט פארלירן (אזוי ווי היינט).

אזוי איז געפארן די באן, די קאנדידאטן ובתוכם דער דיען זענען ארום געלאפן און ארום געשווימען גאנץ אייאווע פארקויפן פארן עולם ווי געלונגען זיי זענען, און אז ער און נאר ער איז דער ריכטיגער קאנדידאט זיך צו פארמעסטן מיט פרעזידענט בוש.

דער דיען האט געהאט אן אינטערעסאנטע געדאנק וואס איז שפעטער אדאפטירט געווארן דורך פילע אנדערע פאליטישאנ'ס אז "וואס מיין קעגנער זאגט, זאג איך אנדערש". ס'איז א מהלך וואס אסאך פשוטע מענטשן האבן אויך פארכאפט...

אבער דער עיקר איז געווען וויפל געלט דער דיען האט געשאפט, יעדער האט זיך פארגעשטעלט אז אזא געלונגענער אנדרייער וואס האט געשאפן אזויפיל געלט פון אזויפיל מענטשן, וועט זיכער אריינקומען מיט א פעסטקייט, ער גייט עס מאכן, און אזוי איז מען אריין אין די נאכט פון די וואלן מיט די געדאנקען גאנג אז דיען גייט געוואונען.

אבער... ס'האט זיך געענדיגט מיט א דורכפאל. ווען די רעזולטאטן זענען אריינגעקומען האט זיך ארויסגעשטעלט אז א צווייטער האט עס געמאכט... דיען איז נישט אריינגעקומען דער ערשטער, און אפילו נישט דער צווייטער, נאר סך הכל א ווייטער דריטער.

אבער דאס וואלט נישט געווען אלעס, ווייל ווי דערמאנט אויבן איז פארלירן די אייאווע וואלן נישט סוף פסוק.

דער דיען האט געטון וואס אלע פאליטיקאנטן טוען ווען זיי האבן א דורכפאל, ער האט זיך אנגעטון א גרויסן שמייכל, און ער האט זיך ארויפגעשטעלט אויפ'ן באלעמער און אויסגערופן "מורא ורבותי מיר האבן נישט וואס מורא צו האבן, מיר זענען טאקע נישט אריינגעקומען די ערשטע, אבער מיר וועלן ווייטער גיין מיט א שטארקייט, מיר וועלן זיך נישט לאזן פון די שונאים, מיר וועלן גיין ווייטער און געוואונען אלע קומענדיגע סטעיטס!

דאן האט דיען ארוס געלאזט א שטיקל געשריי, יאאאאאא!

און דא איז געשען די אינטערעסאנטסטע זאך, די מידיע (הנודע לשמצה ביי די וואס הערן זיי אויס זיך צו קענען רעגן נאכדעם...) איז געקומען און גענומען די יאאאאאא! וואס דיען האט געשריגן, און פארדרייעט די מעשה, זיי זענען געגאנגען און געפאמפט פאר די גאס ווי פאלגענד: "רבותי, דיען קרעכצט, ער האט געהאט א דורכפאל און זיך געזעצט קרעכצן אויפ'ן מצב, הערט נאר צו ווי ער קרעכצט, ער איז דערנאך".

און אז עולם גולם האט געהערט אז דיען קרעכצט האט זיך די מעשה געענדיגט, "ער קרעכצט? ער האלט אז ס'איז דערנאך? איך קען נישט שטימען פאר איינער וואס קרעכצט אז די מצב איז שווער..."

דער גאנצער ערד קוגל איז געווען אויף מיט דיען'ס קרעכץ, און אזוי האט זיך דיען'ס קאמפיין אנגעהויבן קוילערן בארג אראפ, ביז ס'האט געלאנדעט מיט א הילכיגע זעץ אונטן פונעם בארג, דיען האט זיך געדארפט ארויסציען פונעם פארמעסט, און ענדיגן זיין קאמפיין בבושת פנים (מיט א שטארקע קרעכץ).

***

ס'איז נישט דערנאך ביז מען קרעכצט! יא, אפילו מען כאפט א זעץ און אפילו מען פארלירט איז עס גארנישט, עס זענען פארהאן אסאך וואס האבן פארלוירן אייאווע און געווארן פרעזידענט נאכדעם, אבער קיינער פון זיי האבן נישט געקרעכצט, ביז דיען איז געקומען און פארלוירן און... געקרעכצט... און דאן איז ער געווארן אפגעשטעמפלט אלס דורכפאל, טאקע ביזן קרעכצן איז געווען שלעכט, אבער ס'איז נישט סתימת הגולל ביזן קרעכצן.

יעדער קענען פארלירן געוויסע צילן צו ווי זיי ווילן אנקומען, און אסאך קומען נישט אן צו געוויסע זאכן וואס זיי ווילן, אבער ס'איז נישט געענדיגט, דו קענסט נאך אנקומען דערצו, אבער אז דו זעצט זיך אוועק קרעכצן דאן איז עס דערנאך... מיטן קרעכצן און באוויינען די מצב ווייזטו זייער קלאר "כ'האב אויפגעגעבן".

מען קען זען היינטיגע צייטן ווי גרויסע עשירים זיצן און קרעכצן, "אוי די עקאנאציע איז טיף אין די זאמד". פון די אנדערע זייט זענען דא וואס זעען אז ס'איז טאקע שווער, אבער אנשטאט זיצן און באוויינען די מצב זוכן זיי וועגן צו מאכן פרנסה.

און די וואס קרעכצן נישט וועלן אנקומען? ווייס איך נישט, אבער די וואס קרעכצן וועלן זיכער נישט אנקומען!

אז ס'איז דא א צדיק וואס זאגט אז אויב רעדט מען צום אייבערשטן, מען לערנט משניות יעדן טאג וועט מען ווערן אן ערליכער איד, איז זיכער אז דאס איז די וועג אנצוקומען דערצו, און ווי לאנג מען וועט זיך אנשטרענגען און קעמפן צו געוואונען איז דא גרויסע שאנסן צו זיגן, אבער אז מען וועט זיצן און קרעכצן אז ס'ארבעט נישט, וועסטו נישט אנקומען אין ערגעץ.

בדוק ומנוסה.

# נייע כלים מקוה

# מקוה פריעדריך

דער אייבערשטער האט אונז באפוילן אז יעדע כלי וואס מען קויפט פון א גוי, איידער א איד נוצט דאס דארף דאס ווערן גע'טובל'ט כהלכה אין א כשר'ע מקוה. עס זענען דא מענטשן וואס טובל'ען כלים אין מקוה אין בתי מדרשים וואס איז געמאכט זיך צו טובל'ען יעדן אינדערפרי פאר מען גייט דאווענען, אבער נישט אלע ווייסן אז נישט אלעמאל איז עס כשר אויף טבילת כלים. עס זענען דא מקואות אין שולן וואס זענען גוט אויף א טעגליכע מקוה, אבער נישט אויף קיין דאורייתא'ס.

אויסער דעם וואס אפילו א מקוה וואס איז געבויעט געווארן כשר למהדרין דורך א דיין, איז עס אבער נישט אייביג צוטריטליך, בפרט פאר פרויען און מיידלעך וואס זיי קויפן געווענטליך איין די נייע כלים זיי קענען נישט קומען אין בית המדרש. דערפאר איז א שמחה צו מעלדן אז יעצט האט דער שטאט קרית ברסלב ליבערטי זוכה געווען צו באקומען דער גאר וויכטיגער סערוויס וואס א אידישע שטאט דארף האבן, א מקוה פאר טבילת כלים.

די מקוה וואס מען האט געבויעט אינעם בנין פונעם באזאר און דער קיאסק אויף 462 טווין ברידזש רד. איז אפן פיר און צוואנציג שעה במשך דעם מעת לעת, און פילע אנשי שלומינו האבן זייער אסאך ארויסגעהאלפן מיט אלעם וואס מען האט געדארפט. מו"ה אברהם פרידריך הי"ו האט אויפן בקשה פונעם ראש ישיבה שליט"א זיך אריינגעלייגט אינעם פראיעקט, און האט מנדב געווען די גרויסע הוצאות דערפון, און דערפאר טראגט דער מקוה דער נאמען "מקוה פרידריך".

דער דיין און די רבנים פונעם כולל זענען כסדר אראפגעקומען און אנגעוויזן וויאזוי מען דארף עס בויען כדי עס זאל קענען באקומען א כשרות סטעמפל פונעם דיין. און ב"ה נאך אן ארבעט פון עטליכע חדשים איז דער נייער מקוה געווארן פארענדיגט מיט'ן הכשר פונעם דיין וואס האט זיכער געמאכט בסייעתא דשמיא אז עס איז אויסגעהאלטן בתכלית הכשרות.

עס קומט זיך א גרויסן דאנק פארן איש החסד מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו וואס האט אנגעפירט די גאנצע קאנסטראקשן שלא על מנת לקבל. פאר מו"ה שבתי מזרחי, וואס האט צוגעשטעלט די קאנקריט פאר קאסט פרייז. פאר מו"ה שמעון אביש הי"ו וואס האט דורכגעפירט די גאנצע קאמפליצירטע גראב ארבעט ריין לשם מצוה, און פאר הר"ר שלמה רוטה שליט"א וואס איז געשטאנען צו די האנט די גאנצע צייט מיט אלעם וואס האט אויסגעפעלט.

לכבוד דעם באנייאונג פונעם נייעם כלים מקוה האט דער דיין שליט"א אראפגעשריבן אלע הלכות בנוגע טבילת כלים, וואס מען קען זען ביים היכל הלכה אפטיילונג דא אינעם בלעטל. עס לוינט זיך צו כאפן א בליק דערויף, כדי צו זיין קלאר אין די הלכות.



# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## די פארשידענארטיגע סייזעס פון די אמעריקאנע מטבעות

### שאלה

**פארוואס זענען די סייזעס פון אמעריקאנע מטבעות נישט אין א רייע, די קלענסטע איז די דיים, נאכדעם קומט דער פעני, נאכדעם דער ניקל און דערנאך דער קוואדער? דוד ה.**

### ענטפער

די מאסן פון די מטבעות גייען צוריק זייער אסאך יארן, וואס דאן זענען די מטבעות ווערד געווען לויט די מאטריאל פון וואס זיי זענען געמאכט געווארן. מען קען עס אויך זען אביסל פון זייערע נעמען, די פעני (וואס הייסט אפיציעל "צענט" אין אמעריקע, נאר האט "געבארגט" דעם נאמען פונעם פעני מטבע אין ענגלאנד וואס זעט אויס זייער ענליך) פלעגט מען מאכן פון קופער - א ביליגע מאטריאל, האט עס געמוזט זיין גענוג גרויס צו זיין ווערד עפעס.

דער ניקל האט מען געמאכט פון א צווייטע ביליגע מאטריאל "ניקל" (און דערפאר רופט מען עס אזוי) וואס אין דער מאס איז עס געווען גענוג ווערד. דער "דיים" (וואס מיינט א "צענטל" אין אלט פראנצויזיש) פלעגט געמאכט ווערן פון 90% זילבער, און דערפאר האט עס געמוזט זיין אזוי קליין, ווייל זילבער איז אסאך טייערער פון קופער און ניקל. דער "קוואדער" (וואס מיינט א פערטל) איז פונקט מיט 2.5 מאל שווערער פונעם דיים, ווייל אזויפיל איז עס ווערד.

די ווערד פון מטבעות האבן היינט בכלל נישט צו טון מיט זייער אייגענטליכע ווערד. היינט מאכט מען עס בלויז אויסזען ווי די אמאליגע מטבעות. דער פעני מאכט מען שוין היינט נישט פון קופער מען מאכט עס פון א מעטאל וואס איז אסאך ביליגער "זינק", נאר א גאר דינע שיכט ארום באשטייט פון קופער (כדי עס זאל אויסזען ווי די אמאליגע קופערנע פעניס), אבער מיט דעם אלעם ווען מען צולאזט דעם פעני וועט עס ווערד זיין מער פון דער אייגענטליכער מטבע. די ווערד פון א פעני איז היינט בערך 2 ביז 3 צענט.

דער ניקל באשטייט היינט פון דריי פערטל קופער, און א פערטל ניקל. אויך דער ניקל איז ווערד מער פון זיין שוויות, די מעטאל פונעם ניקל איז ווערד בערך 7-8 צענט ווען מען צולאזט עס.

דער דיים באשטייט היינט פון איבער נייציג פראצענט קופער, און די איבעריגע איז ניקל. די ווערד פונעם דיים אליינס איז בערך 2-3 צענט. דער קוואדער מאכט מען פון די זעלבע זאך ווי דער דיים, און איז ווערד בערך 7 צענט.

דאס מיינט אז די מטבעות זענען אזויפיל ווערד נישט ווייל מען קען עס פארקויפן פאר אזויפיל געלט, נאר ווייל די רעגירונג האט געזאגט אז דאס איז זייער שוויות, די זעלבע זאך ווי דער היינטיגער דאלער וואס איז בלויז א שטר - א טשעק וואס זאגט אז פלוני פארמאגט א דאלער.

ביים אייבערשטן ארבעט עס אנדערש. עס העלפט נישט די שיינע פיקטשערס אין די מאגאזינען, דאס אז דער ציטונג שרייבט אויף מיר שיינע טיטלען הרב הגאון הצדיק הקודש הייבט נישט מיין ווערד אין הימל, אבער די זעלבע זאך פארקערט; ליידער איז צניעות אראפ געקוקט, רעדן צום אייבערשטן איז פארשעמט, אבער דאס טוישט נישט זיין ווערד זיין ווערט. מען קען נישט נעמען אביסל זינק און עס צודעקן מיט זילבער און יעצט איז עס שוין ווערד ווי זילבער, עס וועט זיך בעיקר אינעוויניג.

מענטשן זענען געוואוינט צו זאגן "מען זעט אויף אים אז ער איז אן ערליכער איד", מוהרא"ש ז"ע פלעגט אבער זאגן אז מען קען נישט דערקענען אן ערליכער איד. עס איז באקאנט אויף פילע ערליכער אידן האט מען נישט געזען גארנישט פון דרויסן. דער הייליגער סאטמארער רבי זי"ע האט מען גארנישט אנגעזען פון דרויסן, ער האט נישט געמאכט קיין תניעות, ער האט זיך נישט געשאקלט מאדנע, וכדומה. די זעלבע זאך מוהרא"ש זי"ע האט זיך געפירט זייער פשוט, מען האט גארנישט אנגעזען פון דרויסן, ער איז אלץ ארומגעגאנגען פרייליך מיט א שמייכל - אבער דער מח איז דאס וואס עס מאכט אויס.

מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן אז אינעווייניג זאלן מיר באשטיין פון גאלד פון זילבער, מיר זאלן טראכטן אלעמאל פון אויבערשטן, אייביג זאלן מיר טראכטן וואס וויל דער אייבערשטער פון מיר, וואס איז חשוב ביי אים זאל ביי אונז זיין חשוב. נישט גאלד נישט זילבער, נישט געלט און נישט טשעקס.

# מעשיות פון תפילה



## שמעון רוטה

קרית ברסלב

איך בין געגאנגען מאכן מיין קאר פערמיט טעסט, ביים ערשטן מאל גיין האבן זיי געזאגט אז עס פעלט איין צעטל, האב איך באשטעלט נאך א טעסט, אבער דאסמאל האבן זיי אויך געזאגט אז עס פעלט א געוויסע צעטל.

איך האב געזען אז דא פעלט אויס תפילות, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף אז יעצט זאל עס שוין אדורכגיין אן קיין פראבלעמען, איך זאל שוין נישט דארפן צוריקקומען נאכאמאל".

שכח אייבערשטער אז אז ביים דריטן מאל איז אלעס געפארן געשמירט, זיי זענען געווען צופרידן, און עס איז אדורך בשלום ברוך השם.

## יואליש קרויס

ביתר

מיין קאר איז געווען געפארקט ביי די זייט פון די גאס, איך קום נאנט צום קאר, זע איך אז ס'איז דא א צעטל, איינער האט געשריבן אז ער איז אדורכגעפארן מיין קאר, און ביים אדורכפארן האט זיך זיין שפיגל ארייגעהאקט אין מיין קאר, און ס'איז צובראכן געווארן. יענער שרייבט אז איך דארף אים באצאלן פארן שפיגל, צוליב דעם וואס מיין קאר איז געווען געפארקט אויף אזא סארט וועג וואס האט גורם געווען אז זיין שפיגל זאל צובראכן ווערן...

איך האב אים גערופן, נאכן שמועסן מיט אים האב איך געזען מיט וועם איך האב צוטון דא, האב איך אים געזאגט ער זאל האבן אסאך הצלחה. אבער ער האט נישט אויפגעגעבן, ער האט געטענה'ט אז להלכה דארף איך אים באצאלן, ער האט אפילו געפרעגט א רב.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס צו טון דא, איז מיר בייגעפאלן אז איך גיי פרעגן מיין דיין וועם איך פרעג מיינע שאלות. איך האב אנגערופן און פארציילט די מעשה, האט מיר דער דיין געזאגט אז איך דארף גארנישט באצאלן.

אבער דער איד איז נישט געווען צופרידן, ער האט געוואלט איך זאל צוזאמען מיט אים רופן א דיין, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל שוין פון אים פטור ווערן.

למעשה האבן מיר גערופן א דיין און ער האט געזאגט אז איך דארף נישט באצאלן, האט דער איד געטענה'ט אז אפשר לפנים משורת הדין דארף איך יא באצאלן, האט דער דיין געזאגט אז איך דארף נישט באצאלן אויף קיין שום וועג. שכח אייבערשטער!





# מַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אִיז זֵייעֶר נֶערְוֶועז!

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ לֶערְן אִין אַ כּוֹלֵל, אָבֶער דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אִיז אַלֶעמָאל אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי אִינְגֶעלַייט, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מַמָשׁ פוּן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת. הָאט אִיר אֶפְשָׁר אַן עֵצָה פַאר מִיר וָואס אִיךְ קֶען טוּן?**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן גֵיין אִין כּוֹלֵל אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט; אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי כְּתוּבָּה: "**וְאָנָא אֲפַלַח וְאוֹקִיר וְאֵיזוֹן וַאֲפַרְנֵס יָתִיכִי כְּהִלְכוֹת גּוּבְרִין יְהוּדָאִין, דְּפָלְחִין וּמוֹקְרִין וְזָנִין וּמְפַרְנְסִין לִנְשֵׁיְהוֹן בְּקוּשְׁטָא**", אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפַּייזְן אַזוֹי וִוי אַ אִיד דַארְף שְׁפַּייזְן זַיין וַוייבּ מִיט אַן אֱמֶת; דָאס אִיז דֶער דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אַז דֶער מַאן זָאל בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן דִי וַוייבּ זָאל אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, מְסַדֵר זַיין דִי שְׁטוּבּ, קָאכְן פַאר דִי מַאן אוּן קִינְדֶער אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

'כּוֹלֵל' אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, **כּוֹלֵל אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַאר יוּנְגֶעלַייט וָואס נַפְשָׁם חָשְׁקָה בַּתּוֹרָה**, זֵיי לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְבַטֵל קַיין אֵיין רֶגַע. דֶעמָאלְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז דִי וַוייבּ אִיז גְרֵייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין אוּן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אַז אִיר מַאן זָאל זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אָבֶער דָאס וָואס יוּנְגֶעלַייט זִיצְן אִין כּוֹלֵל אוּן גֵייעֶן לֵיידִיג בִּשְׁעַת דִי וַוייבּ זֵייעֶרֶע דַארְף זִיךְ אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן אַרְבֶּעטְן עֲבוֹדַת הַפֶּרֶךְ, נָאכְדֶעם נֶעמְט עֶר דִי גֶעלְט פַאר זִיךְ מַעֲשֶׂה פָּרִיץ אוּן טֵיילְט אִיר אַיין וָואס צוּ טוּן דֶערְמִיט - דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דָאס וַוייזְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פוּל מִיט אַכְזָרִיּוּת.

יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אִיז אַזוֹי בְּרוֹגֶז; עֶר דַארְף זוּכְן צוּ שַׁאפְן גֶעלְט צוּ צָאלְן פַאר דִי כּוֹלֵל יוּנְגֶעלַייט וֶוען רוּבּוֹ דְרוּבָּם דְרֵייעֶן זִיךְ לֵיידִיג אוּן בַּטְלָ'ן דִי צַייט. הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן גֵיין לֵיידִיג! אִיז אַוַודַאי פַארְשְׁטֵיי אִיךְ דַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל פַארְוָואס עֶר אִיז בְּרוֹגֶז; עֶר זוּכְט פוּן וואוּ עֶר קֶען אוֹיס הַאלְטְן דִי יוּנְגֶעלַייט, אוּן וֶוען עֶר בֶּעט זִיךְ אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען לַאכְט מֶען אִים אִין פָּנִים

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן; דוּ הָאסְט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער זֶעץ דִיךְ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, נָאר עֶר וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין אוּן הֶעלְפְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען. אָבֶער אוֹיבּ דוּ הַאלְסְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען לָאז אָפּ כּוֹלֵל; **פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיצְן אִין כּוֹלֵל אוּן מְבַטֵל זַיין צַייט** אוּן גוֹרֵם זַיין צַעַר פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין רֹאשׁ הַכּוֹלֵל? עֶנְדֶערְשׁ גֵיי זוּךְ אַ מְלָאכָה קַלָּה וּנְקִיָּה, אַ זוֹיבֶּערֶע רֵיינֶע אַרְבֶּעט, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַבִּיסְל אִיבֶּערִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פַאר דִיר אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## אמעריקע איינגעשוואוירן דעם 47סטע פרעזידענט

פאראגנגענעם מאנטאג פרשת וארא, למספרם 20 יאנואר 2025 איז געווען דער טאג וואס איז אריינגעקומען דער נייער אדמיניסטראציע, פרעזידענט טראמפ איז געווארן איינגעשוואוירן - דאס מאל אלץ 47'סטער פרעזידענט, און נעמט איבער די לייצעס פונעם פריערדיגן פרעזידענטביידען.

אנדערש ווי אכט יאר צוריק ווען טראמפ איז אריינגעקומען אין אמט צום ערשטן מאל, איז ער שוין נישט קיין נייער פנים אין וואשינגטאן, אבער מיט דעם אלעם זעט אויס ווי די מידיע פאלט פאר זיינע שטיקעס כאילו מען ווייסט נישט ווער ער איז. און די סיבה איז פשוט, זיי לעבן אויף סענזאציע, און טראמפ וואס פארשטייט דאס גוט, פיטערט זיי דערמיט טאג טעגליך.

שטעלט אייך פאר א צייטונג וואס זאגט אז אלעס איז גוט, די סענזאציע איז נישט ממש אזוי געפערליך, וואס ברענגען זיי צום טיש? די צייטונגען רייטן אויף די געפילן פון א מענטש, און מאכן שפירן די ליינער ווי זיי ראטעווען די וועלט מיט'ן ברענגען יעדן טאג "געפערליכע אויפדעקונגען" וואס זענען ממש "פרעצעדענטלאז"

דערפאר האט דער ראש ישיבה געזאגט בייך ליל ששי שיעור פרשת שמות אז ס'איז גוט צו האלטן דעם קאפ גראד, און וויסן פון פאראויס, אז מען קען זיך רישן אז אין די קומענדיגע פיר יאר וועט יעדן טאג ארויסשפראצן פרישע נייעס'לעך סקאנדאלן, שרעקליכע סטעיטמענטס, ליעקס און טוויטס (כ'מיין טרוטס) איינס שרעקליכער פון צווייטן.

אבער רבותי! מען קען רואיג שלאפן, כך דרכם כסל למו, די צייטונגען טוען דאס זייעריגע, פרובירן צו פארפאניקן און צו דערשרעקן זייערע ליינערס, און מיר וועלן טון אונזעריגע און וויסן אז דאנאלד טראמפ איז א בשר ודם וואס קען גארנישט טון אליינס, ער איז א פאפעט אין די הענט פונעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער וויל זען צי מיר געדענקען אז ער איז דער וואס שטייט אונטער אלעם, איבער אלעם, און מיט אלעם.

אין אנדערע נייעס זענען די פענער לעגנאויס אמעריקע געווען אויף האלבע אין די לעצטערע וואכן, אלס א טרויער צייכן נאכדעם וואס דער געוועזענער פרעזידענט דזשימי קארטער איז געשטארבן, אבער געווארענער האקול האט געזאגט אז די טאג פון אן איינשוועררונג איז א פרייליכע טאג פאר אמעריקע, אפגעזען אויף וועלכע זייט פון פאליטיק מען שטייט. מיט איר שריט צו הייבן די פענער אינעם טאג פון טראמפ'ס איינשוועררונג, שליסט זי זיך אן מיט א גרויסע צאל רעפובליקאנער גאווערנארס און מיט א געקליבענע צאל דעמאקראטישע גאווערנארס וואס האבן ארויסגעגעבן ענליכע פאראדענונגען.

דער אייבערשטער האט נישט מיטגעשפילט מיט די פאמפע און טראסק וואס דער פרעזידענט האט געוואלט מאכן פאר זיך, דער אייבערשטער האט געשיקט קיין צפון אמעריקע א שטארקע פראסט וואס וועט קומען פונקט אין די טעג פונעם איינשוועררונגס צערעמאניע.

דערפאר איז דער צערעמאניע אפגעהאלטן געווארן אינעווייניג אינעם "קעפיטל" געביידע, אנשטאט פון דרויסן. דאס לעצטע מאל מען האט עס אפגעהאלטן אינעווייניג איז געווען מיט כמעט פערציג יאר צוריק, ווען פרעזידענט ראנאלד רעיגען איז געווארן אייגעשוואוירן, און אויך דאן איז געווען זייער קאלט.

**ועצת ד' היא תקום!**




# פייער אפשטעל און משכונות אויסטויש צווישן מדינת ישראל און כאמאס

אין די יעצטיגע טעג איז נאך שווערע ארבעט פון לאנגע חדשים אויסגעארבעט געווארן א שטיקל פייער אפשטעל און משכונות און ארעסטאנטן אויסטויש צווישן מדינת ישראל און כאמאס. דאס איז בלויז די ערשטע פאזע, און אויב וועט עס מצליח זיין וועט מען גיין ווייטער מיט'ן צווייטן און דריטן פאזע וואס אנטשפרעכט געוויסע צו ענדיגן די מלחמה, און ארויסלאזן אלע איבעריגע משכונות אויף דער פריי.

לויט באריכטן איז עס צושטאנד געקומען דורך די זעלטענע צוזאמען ארבעט פון די צוויי אמעריקאנער קאנגזייטיגע אדמיניסטראציעס די ארויסגייענדע ליבעראלעביידען אדמיניסטראציע מיט'ן אריינקומענדיגן אויסגעשפראכענע טראמפ אדמיניסטראציע, וואס ברענגט ווידער צום אויבערפלאך וואס מען קען אויפטון ווען מען לייגט אין א זייט די מחלוקת.

לויטן אפמאך וועט יעצט זיין א 42 טאג פייער אפשטעל, ווען אין די טעג וועלן צוביסלעך ארויסגעלאזט ווערן א סך הכל פון 33 משכונות, רוב פרויען, קינדער אדער מיט געזונט פראבלעמען, און אין אויסטויש וועט מדינת ישראל ארויסלאזן טויזנט פאלעסטינע ארעסטאנטן פון זייערע טורמעס.

מען ווייסט נישט אויב אלע 33 משכונות וואס מען גייט ארויסלאזן זענען ביים לעבן, לאמיר האפן אז אלע לעבן און זענען געזונט און שטארק פיזיש און גייסטיש.

אזוי אויך וועט די איזראעלי מיליטער זיך צוביסלעך ארויסציען פון צפון עזה און ערלויבן די איינוואוינער זיך צוריק צו קערן צו זייערע היימען.

אונז אידישע קינדער זענען מתפלל אז אלע פארכאפטע זאלן זיך צוריק קערן און באפרייט ווערן ווי אמשנעלסטן, און אז דעם אייבערשטענ'ס נאמען זאל שוין גרויס ווערן אויף דער וועלט דורך משיח צדקינו, און אלע וועלן קלאר זען אז נאר ער קען באשיצן אידישע קינדער, נישט די טמא'נע מדינה, און נישט דער נייער ערוועלטער פרעזידענט טראמפ.

פון די אנדערע זייט האט די פייער אפשטעל אויב געברענגט אז די הוטיס פון תימן זאלן אופהערן צו שיסן מיסילס, נאכדעם וואס זיי האבן לעצטענס געשאסן כמעט יעדן טאג, און פאראורזאכט אז די אלארם זאל זיך אנצינדן אין אסאך געגענטער אין ארץ ישראל, אבער יעצט מיטן פייער אפשטעל האבן זיי אפגעשטעלט זייערע אטאקעס. אזוי אויך שטעלן זיי אפ די אטאקעס אויף שיפן ביים רויטן ים.

למעשה אפילו עס איז נישט קלאר וויפיל פון די פארכאפטע זענען נאך ביים לעבן, און וויפיל זענען שוין ליידער אומגעקומען, איז עס מיט דעם אלעם א גרויסע שמחה ווען מען באווייזט ארויסצוכאפן עפעס.

איין זאך איז זיכער אז אפילו דער סמ"ך מ"ם צוברעכט אונז אז אונזערע מצוות זענען נישט לעבעדיג, אן קיין חיות, איז עס א געוואלדיגע שמחה ווען מיר קענען ארויסכאפן א שחרית, א כיבוד אב ואם, א תפילין, א מקוה'לע, נישט קיין חילוק לעבעדיג אדער נישט, אלעס איז זייער חשוב און טייער.

**אם ד' לא ישמר עיר שוא שקד שומר!**

# געדאנקען

# א נייע הענט, א נייע קאפ!

דינסטאג פרשת וישלח, זעמיר אריינגעפארן קיין ניו יארק. בערך 2:30 זעמיר אריין אין אפיס פון די ראש ישיבה שליט"א, מ'האמיר געדארפט איבערגיין עפעס א חשבון בנוגע די געלטער.

דארט איז געשטאנען אין אפיס אונזער חבר יוסי פרערויא נ"י, אינמיטן די שמועס האב איך געוויזן פארן ראש ישיבה א קמיע וואס צדיקים האבן זיך באנוצט דערמיט אין די צייטן פון הייליגן ישמח משה זכותו יגן עלינו, און כ'האב געזאגט פארן ראש ישיבה אז איך האב געהאט א קלער דאס צו געבן פאר מענטשן אלץ א מארקעטינג זאך, מ'זאל אינזין האבן די כולל.

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "פארוואס דארפסטו דאס געבן? דו האסט דאך א בעסערע זאך! דו האסט דאך דעם כולל! די בעסטע זאך וואס דו געבסט פאר דעם נדבן איז אז ער קען האבן א חלק אין דעם כולל."



שבת קודש וישלח זעמיר געווען אין מאנסי, ס'איז געווען א הערליכע שבת, ביי שלש סעודות האמיר געוואקט מיט די קינדער צום ברסלב'ע שול אויף "יוניאן", ס'האט גענומען צו גיין באלד א שעה. מ'האמיר גענומען הפצה קארטלעך, און זיך אפגעשטעלט אין זעקס שולן און פארשפרייט די הפצה קארטלעך אז נאך א איד זאל לערנען אויך ווען די חברותא קען נישט קומען היינט, ווייל זיין שווער האט נעכטן געמאכט א "נישט-אויפרייס" חתונה מיט עכטע בלומען און א עכטע מצוה טאנץ פאר די דריטע קאזין וואס שטייט אויף אום פירע פארטאגס יעדן איינציגן טאג.

ביי שלש סעודות איז געווען שיינע דיבורים אויף די רש"י עם לבן גרתי ותרי"ג מצוות שמרתי, אז פון די רש"י איז משמע אז לבן האט נישט אויסגעזען ווי א ציגיינער, ווי א באנדיט, א וואגאבונד, ס'זעט ענדערש אויס פון רש"י הקדוש אז לבן האט זיך אהערגעשטעלט ווי איינער וואס רעדט פון הויכע ענינים מיט פארגלייזטע אויגן, מען האט כמעט געקענט מיינען אז ער פארקויפט עפעס דערהויבענע מעשיות.

אזוי ווי מ'זעט אין ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן א' אז אויסער די געוועגליכע יצר הרע וואס רעדט צו צי עבירות, איז דא די ווייסע יצר הרע וואס פאפט אריין דעם מענטש כאילו ער מאכט אים טון עפעס העכערס, און דער מענטש בלייבט נעבעך בעירום ובחוסר כל, נאכגעלאפן א מענטש וואס געבט מיר גארנישט, נישט אויפגעמאכט א גמרא, פאר טעג, וואכן, אדער חדשים, און אמאל יארן, ווייל ער איז העכער און דערהויבענער פון די יאנטשי מענטשן וואס לערנען עצתו אמונה און אשר בנחל.

מיטוואך וישב זעמיר געפארן צום ראש ישיבה קיין מאנסי צו די סיום מסכתא בבא בתרא, דער ראש ישיבה האט קענטליך זייער הנאה געהאט ווען מ'האט געשפילט די קלארינעט מיט די FLUTE בנוסף צו די קיבארד.

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

ס'איז געווען הערליכע דיבורים בנוגע דעם דרך הלימוד, אינמיטן האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך בין נישט ברוגז אויב דו הייבסט אן סנהדרין בעיון מיט א חברותא, אבער ווען דו זעסט ביי דף ה' אז ס'גייט נישט, בעט איך דיך, הייב אן ווייטער זאגן די גמרא, אזוי ווי דער רבי האט אונז געזאגט אין שיחות הר"ן אז אֵין צריכין בלימוד רק האמירה, וממילא יבין."

פרשת מקץ, שבת חנוכה, האמיר געהאט דעם ראש ישיבה אין קרית ברסלב, מ'האט עטליכע מאל גערעדט במשך דעם שבת אז די גאנצע זאך וואס מ'רעדט אז ס'איז דא א עונש פון עולם התוהו, נאך די פטירה, דארף מען אבער וויסן אז מ'זאל פאקוס'ן נישט צו זיין אין עולם התוהו דא בחיים חיותו, ווייל א מענטש וואס מאכט נישט אויף יעדן טאג א חומש, משניות, גמרא, איז נעבעך טיף טיף אין עולם התוהו, ער שלאפט א טיפע שלאף, אינמיטן שלאף בויט ער הייזער און מאכט מיליאנען, און שלאאאאאפט אזוי טיף...

אבער אז מ'לערנט יעדן טאג תורה, דאס ראטעוועט פון עולם התוהו.

> לבן האט זיך אהערגעשטעלט ווי איינער וואס רעדט פון הויכע ענינים מיט פארגלייזטע אויגן, מען האט כמעט געקענט מיינען אז ער פארקויפט עפעס דערהויבענע מעשיות...

דינסטאג נאכט פרשת ויגש איז געווען נאך א מסיבת ראש חודש פאר די תומכי הכולל.

דאנערשטאג פרשת ויגש איז געווען די שיעור אין לינדען, מ'האמיר זיך ארויסגעלאזט בעוד מועד, און זיך אפגעשטעלט ביים ציון הקדוש אין קרית יואל, זיך אויסבעטן לקראת ימי השובבי"ם, מיר האבן געבעטן ביים רבי'נס ציון אז מיר זאלן אלעמאל געדענקען וואס שטייט אין "לשון קדשו" אז אפילו מיר האבן אלעס פארלוירן, אבער דעם לעבעדיגן באשעפער האמיר נישט פארלוירן, מיר האבן אויך געבעטן אז די תומכי הכולל זאלן האבן שפע ברכה והצלחה און אלעס גוטס.

שבת קודש ויחי האמיר דערציילט אינדערהיים די מעשה פון הייליגן רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו וואס מוהרא"ש האט דערציילט, אז ער האט געזען זיין טאכטער האלט די קליינע בעיבי און דאס קליין קינד פון עטליכע חדשים קלאפט אויף די מאמע מיט די קליינע הענטלעך, הייבט אן דער הייליגער רבי ר' אלימלך צו שרייען, שלאגן א מאמע! שלאגן א מאמע! און די מאמע פון הייליגן רבי ר' אלימלך איז געקומען פרעגן וואס גייט פאר? זאגט איר דער הייליגער רבי ר' אלימלך, דאס קינד שלאגט א מאמע! זאגט אים זיין מאמע, אלע פיצלעך קינדער טוען אזוי, דו האסט אויך געטון אזוי, איז דער הייליגער רבי ר' אלימלך צוגעלאפן צום פייער און זיך געברענט די הענט פאר די "חטא" פון קלאפן די מאמע אלץ פיצל קינד.

די קומענדיגע טאג, ווען ער האט געדארפט לייגן תפלין, האט ער געבעטן דעם אייבערשטן, אז ער דארף א נייע הענט צו קענען לייגן תפלין, און ער האט באקומען א נייע הענט.

האמיר צוגעענדיגט די מעשה, אז א ברסלב'ע חסיד האט אמאל געבעטן דעם אייבערשטן "אזוי ווי דו האסט געגעבן פאר דעם הייליגן רבי ר' אלימלך א נייע הענט, אזוי בעט איך דיך אייבערשטער גיב מיר א נייע קאפ, א נייע מח, א נייע שכל, העלף מיר אייבערשטער איך זאל ווערן א נייע מענטש, גענוג מיט די כעס, גענוג מיט בלאזן, גענוג מיט פארלאנגען אז יעדער קומט מיר, העלף מיר אייבערשטער אנהייבן א ניע לעבן."

# קוק אהער

## מיין זון גרייט אן נעגל וואסער!

מיין זון קומט אהיים פון חדר, ער אטעמט קוים - ער קען זיך נישט כאפן דאס ווארט. זיין פנים שיינט פאר שמחה בשעת ער פארציילט: "ס'זענען געקומען צוויי גוים אויפצוריינינגן די בלעטער, און זיי האבן געהערט ווי אזוי די ליכטיגע אידישע קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב לערנען די הייליגע תורה, האבן זיי זיך דערמאנט אז זיי זענען אידן!"

"נעבעך! זייער טאטע האט זיי נישט געקויפט קיין תפילין און זיי נישט געמאכט קיין בר מצוה, ער האט זיי גארנישט אויסגעלערנט פון אידישקייט, אבער ווען זיי האבן געהערט ווי אזוי די ערליכע קינדער פון די ברסלב'ע חדר לערנען אזוי שיין די הייליגע תורה, האט עס אויפגעוועקט זייערע נשמה. זיי ווילן אויך זיין ערליכע אידן, זיי ווייסן נאר גארנישט פון אידישקייט נעבעך. "

"זיי האבן אנגעקלינגען רבי (אליעזר) שמן און זיי האבן אים געבעטן, אויב זיי קענען האבן א בר מצוה, רבי שמן האט נישט געוויסט אויב זיי ווילן טאקע, אבער זיי האבן אים אזוי פיל מאל געבעטן, האט מען זיי טאקע געלאזט קומען. זיי זענען געקומען צו די חדר און זיי האבן אנגעטון די הייליגע תפילין - זיי האבן געהאט א בר מצוה! "

"זיי זענען געווען אזוי פרייליך, אלע קינדער האבן געזינגען סימן טוב ומזל טוב אז זיי האבן געקענט אנטון די הייליגע תפילין!"

אהה ווי גרויס איז די שמחה צו זעהן ווי אזוי די ווייטע נשמות - מענטשן וואס קוקן ליידער אויס ווי גוים, זיי פארמאגן נישט די אידישע צורה בכלל, און זיי קומען זיי טוען אן די הייליגע תפילין אהה די התרגשות אההה די התעוררות!

***

איך געדענק נאך פאר צוויי יאר צוריק ווען דער ראש ישיבה האט געזאגט אז זיין זון שמעון נרו יאיר גייט שוין אריין אין שידוכים, יעדער האט געלאכט... דער ראש ישיבה האט געפרעגט וואס לאכט איר? מיין זון שמעון גרייט אן נעגל וואסער, און נישט נאר פאר זיך גרייט ער אן, נאר ער גרייט אויך אן פאר זיינע עלטערן נעגל וואסער! יא דאס איז חשוב נעגל וואסער!

לעצטנס האט שוין דער ראש ישיבה אויך אנגעהויבן אויסצורימען זיין זון נחמן נתן אז אויך ער איז גאר א חשובער בחור, ער גרייט אן נעגל וואסער יעדער נאכט, נישט נאר פאר זיך נאר אויך פאר זיינע עלטערן! דאס איז א חשובער בחור וואס פירט זיך מיט יראת שמים!

ס'האט מיך צוריקגעטראגן צו א ווייטאגליכע מעשה פון אפאר יאר צוריק ווען איך האב נאך געוואוינט אין לאנדאן..

איך האב געהאט א חבר - א בחור אביסל יונגער פון מיר, וואס ווען איך האב זיך מיט אים באקענט איז ער דורך זייער א שווערע צייט, ער איז געווען זייער א וואוילער אבער ער איז געקומען פון גאר א פרומער שטוב, און ער האט זיך נישט געוואלט פירן אזוי ווי זיינע עלטערן, ער האט געוואלט זיין מער לופטיג....

איך געדענק ווי איך פלעג דעמאלט אסאך שמועסן מיט אים, אים פרובירן צו מחזק זיין. אויך האב איך פרובירט צו רעדן צו זיין טאטע אים מסביר זיין אז דער בחור גייט איבער, ער מיינט נישט קיין שלעכט, ער וויל נישט אוועקווארפן זיינע עלטערן חלילה, ער וויל נאר זיין אביסל מער לופטיג, ער וויל זיין ערליך ער וויל זיין גוט, אבער....

דער טאטע האט נישט געקענט צו קוקן אז זיין זון פירט זיך אנדערש ווי זיין שטוב, און ער האט געבעטן זיין זון זאל גיין וואוינען ערגעץ אנדערש....

ס'איז געווען פאר יעדע פון זיי גאר ווייטאגליך. דער בחור האט זיך נעבעך נישט געקענט דערהאלטן און ליידער איז ער געפאלן יעדן טאג טיפער..

איין טאג טרעף איך זיין טאטע אין שול און איך פרעג אים "וואס מאכט אייער זון, איך האב שוין לאנג נישט געהערט פון אים?" זיין פנים לייכט אויף און ער רופט זיך אן צו מיר: "איך האב געהערט פון דעם איד ביי וועמען ער

## דאס און יענץ
## מיט א טיפערע
## ארייבליק

**ישראל דוד העסקעל**



וואוינט אז יעדער נאכט גרייט ער זיך אן נעגל וואסער!"

אההה די חיות וואס ער האט פון דעם אז דער זון וואס איז ליידער דארט וואו ער איז, אבער ער האלט נאך אן פשטות יהדות - ער וואשט זיך נעגל וואסער!

איך געדענק מיך דעמאלט טראכטן, שטעל זיך פאר אז דער טאטע וואלט געהאט די זעלבע נחת פון זיין זונ'ס נעגל וואסער ווען ער האט נאך געוואוינט ביי אים... ער וואלט אים געקענט אינגאנצן אפראטעווען!

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ס'איז געווען א בחור אין ישיבה וואס האט געהאט לאנגע האר ביז די אויגן (בענגס בלע"ז). אמאל האט זיך געמאכט אז דער ראש ישיבה האט געטראפן זיין זיידע און אים געגעבן א גרוס פונעם אייניקל אז זיין אייניקל לייגט תפילין! אבער דער זיידע האט גארנישט געכאפט קיין התפעלות פון דעם אז זיין אייניקל לייגט תפילין, ער איז נאר געווען פארנומען מיט די לאנגע האר....

דער ראש ישיבה האט געזאגט דאס וואס מוהרא"ש פלעגט אלס זאגן ביי די שיעורים אז מ'מוז גיין דריי מאל א טאג אין שול דאווענען, און ווער רעדט נאך אז מ'איז זוכה צו קענען גיין אין מקוה! מ'מוז האלטן פאר די אויגן מ'זאל נישט מאכן פון עיקר טפל און טפל עיקר, אלעס ארום איז וויכטיגע שיינע זאכן אין וואס מ'טאר חלילה נישט מזלזל זיין, אבער נישט פארגעסן וואס איז די עיקר!

אוודאי וואלט יעדער זיידע זיך געוווינטשן אז אלע אייניקלעך זאלן גיין מיט די שיינע אידישע צורה, אפגעשוירן מיט שיינע פיאות ביי די זייט, אבער דער עיקר איז די הייליגע תפילין. וואס האט ער פון דעם אויב די אייניקלעך גייען אנגעטאן חסידיש, אבער טוען נישט אן קיין תפילין ח"ו?!

טויזנט מאל מער דארף זיין אונזער שמחה יעדן טאג ווען מיר טוען אן תפילין, ווי די גרויסע שמחה וואס די דערוווייטערטע אידן האבן געשפירט ווען זיי האבן אנגעטון תפילין!

אסאך מער התרגשות'דיג איז ווען מיר זענען זוכה נאכאמאל צו קומען שול יעדן טאג דאווענען דריי מאל א טאג און דינען דעם אייבערשטן! ס'געבט א קיצל... פארוואס זאל איך נישט פילן די זעלבע התרגשות יעדן טאג?

דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס און חזר'ט כסדר אז פשטות יהדות איז דער עיקר, מיט דעם דארף מען זיך די מערסטע פרייען! ס'איז אסאך גרינגער זיך צו פרייען מיט עפעס א חומרא, מיט עפעס א ענין, פון דעם נעמט מען די חיות. אבער די עיקר חיות און די עיקר דגוש דארף זיין אויף פשטות יהדות. און דאס איז וואס מיר דארפן ארייינלייגן אין די קינדער אזוי ווי דער ראש ישיבה רוימט אויס זיינע קינדער אויף דעם וואס זיי גרייטן אן נעגל וואסער!

דער ראש ישיבה האט זייער חשובע קינדער, ער וואלט געקענט אויסרימען זיין זון מיט אלע שיינע זאכן, אבער דער עיקר ווייזט אונז דער ראש ישיבה איז פשטות יהדות. אלעס איז שיין אלעס איז הייליג מ'טאר נישט מזלזל זיין אין קיין שום זאך, אבער וואס איז עיקר?

שכח אייבערשטער אז איך קען זיך פרייען מיט מיין הייליגע תפילין, איך האב א צדיק וואס דערמאנט מיר נאכאמאל וואס איז חשוב און וואס איז עיקר, איך וועל זיין גליקלעך אז איך און מיינע קינדער גרייטן זיך אן נעגל וואסער, אה מחיה! שכח אייבערשטער אז מיט די לימודים פון א צדיק ווערן די מצות נישט אלט, ס'בלייבט פריש. איך וועל זיך פרייען אז שבת האב איך נישט געררייכערט, און נישט אנגערירט מיין טעלעפאן, דאס איז ביי מיר עיקר און מיט דעם וועל איך זיך פרייען!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# היכל הלכה

## הלכות טבילת כלים

### יורה דעה סימן ק"כ

**מיטן אייבערשטנ'ס הילף גייען מיר ווייטער מיט די הלכות פון טובל'ן כלים.**

עלעקטריק כלים איז נישט געווען בימי חז"ל, אבער להלכה האבן אלע גדולי אחרונים [37] אנגענומען אז מ'דארף עס טובל'ן, אויב ס'איז פון די סארט וואס מען דארף טובל'ן: אייזן - גלאז..ק

מ'דארף נישט מורא האבן אז ס'ווערט חרוב, קאליע, ווייל אויב מ'לאזט עס טריקענען פאר 24 שעה, לכל היותר 48 שעה ארבעט עס געהעריג. [38]

**ט"ז)** די סארט וואס ארבעט מיט קאמפיוטע"ר טשי"פ, זאגן די מומחים אז ס'קען יא חרוב גיין אין וואסער, איז אויף דעם דארף מען יא טרעפן אן עצה צו פטר'ן פון טבילה, קען מען טון איינע פון די עצות:

**א.** מ'צונעמט עס אז נאר איינער א מומחה/בעל מלאכה קען עס צוריק צוזאמשטעלן. [39]

מ'צונעמט עס אזוי אז מ'זאל עס נישט קענען ניצן, און א אידשטעלט עס צוריק צוזאם. דעמאלט הייסט עס ווי א איד האט עס געמאכט, מילא איז עס פטור פון טבילה.

**ב.** אז מ'געבט אוועק די כלי פאר א גוי במתנה, און מ'בארגט עס פון אים נאכדעם. [40]

**ג.** מ'נעמט א שטיקל קאטן/וואטע, [41] וכדומה, מ'טינקט עס איין אין וואסער, (אפילו פשוט'ע וואסער נישט מקוה וואסער) ביז ס'ווערט אזוי נאס אז ס'קען נאס מאכן עפעס אנדערש (טופח ע"מ להטפיח) און מ'לייגט עס ביי די פלאץ ווי ס'מעג נישט צוקומען קיין וואסער, (די ביסל וואסער פון די וואטע שאדט נישט) און אזוי טובל'ט מען די כלי.

**י"ז)** דא וועלן מיר מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אראפברענגען עטליכע סארט עלעקטראנישע כלים וואס זענען מחויב/פטור בטבילה; פארשטייט זיך נאר אויב ס'איז געמאכט פון די סארט וואס איז מחויב, אייזן אדער גלאז!

פערקולעיטע"ר, מחויב..

טשייניק - הייס וואסער קאכער - קעט"ל, מחויב..

טויסטע"ר Toaster - פוסקים האבן אן גענומען אז ס'איז מחויב. [42]

בער"י קראקע"ר: דאונאט מעיקע"ר: מחויב, סענדוויטש מעיקע"ר מחויב.

פו"ד פראסעסע"ר - ברוין מאשין - מחויב, נאר די חלק וואס איז אייזן דאס הייסט די מעסער חלק. [43]

הענ"ד בלענדע"ר, מחויב. [44]

## הערות

37) דלא כמו שמצדד החלקת יעקב (יו"ד סי' מ"א- מ"ג) דדין אם הוי כלי עלעקטרי"ק לענין קבלת טומאה דהיות דאי אפשר להשתמש, בלי מחובר ל'עלעקטיר"ק לכותל, אפשר דנחשב עי"ז בדבר המשתמש עם הקרקע - אבל גדולי אחרונים מדור הקודם נקטו שצריכין טבילה, ויפרטו חלק מהן, ואלו הן: שו"ת מנחת יצחק (ח"ד סי' ע"ב) שו"ת באר משה (ח"ד סי' ק') שו"ת שבט הלוי (ח"ב סי' נ"ז או' ג) שו"ת אבן ישראל (ח"ט סי' ע"ב) שו"ת קנין תורה ח"ד סי' צ')

38) שו"ת באר משה ח"ד סי' ק' - ששמע מן המומחים בדבר חכמת עלעקטרי"ק, דבאופן כזה לא יזיק לו המים.

39) שו"ת מנחת יצחק (ח"ט סי' פ"ג) שו"ת באר משה (ח"ד סי' ק') שו"ת עמק התשובה (ח"ח סי' צ"א).

40) כאטשיג די עצה פון געבן במתנה לגוי, שטייט אין טורי זהב סקח"י - אז מ'זאל נישט טוהן די היתר נאר פאר א קורצע זמן - למשל שבת און מ'האט א נייע כלי און מ'האט נישט ווי עס צו טובל'ן, אדער אינדערוואכן, און מ'האט נישט קיין מקוה, אבער נאך שבת, אבער נאכדעם ווען מ'האט שוין א מקוה זאל מען עס גלייך טובל'ן, אבער אין אזא פאל, וואס ס'קען צובראכן ווערן שרייבן די פוסקים (מנחת יצחק ח"ה סי' קכ"ו) קען מען זיך פארלאזן אפי' א לענגערע זמן

41) שו"ת חלקת יעקב (יו"ד סי' מ"ג) - בנוי על הדין שאיתא בשו"ע ה' טבילה סי' קצ"ח סע' כ"ח, לענין טבילת אשה דלא תאחז בה חבירתה, ואם הדיחה ידיה במים תחלה מותר, שמשקה טופח שעל ידיה חיבור למי מקוה

42) שו"ת מנחת יצחק (ח"ט סי' פ"ג) שו"ת משנה הלכות (ח"ט) (סי' קס"ב) שו"ת באר משה (ח"ד סי' ק') לאפיקא ד' אגרות משה (יו"ד ח"ג סי' כ"ד) דפוטר מטעם דהלחם ראוי לאכילה לפני כן ע"כ אינו נחשב כלי סעודה

43) פשוט ווייל ס'האט נישט קיין שייכות ס'איז אזוי ווי צוויי כלים.

44) אפי' די עצם בלענדער איז פלעסטיג וואס איז פטור, אבער די מעסער וואס דאס איז דער עיקר מאשין דאס איז אייזען און ס'איז מחויב, בנוי על ד' רמ"א סעי' ז' וז"ל שם: הואיל



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

**הקדמה קצרה:** די הלכה פון טבילת כלים לערנט מען ארויס פון מלחמת מדין, [45] ממילא מוז עס זיין דומה צו דארט, פונקט ווי דארט האבן עס די אידן קונה געווען אינגאנצן פון די גוים, אזוי אויך היינט א מענטש קויפט א כלי דארף עס זיין אינגאנצן זיין, און נישט געבארגט אדער געדינגען, ממילא קומט אויס אז:

**ח"י)** א געבארגטע כלי, אדער א געדינגענע כלי פון א גוי דארף נישט קיין טבילה [46] אויב א מענטש שטייט איין אין א גוי'אישע האטעל-דירה, אזוי אויך אויב א איד איז אונטערוועגנס, ער שטעלט זיך אפ אין א גוי'אישע רעסטאראנט אויף א טרינק וואסער, און מ'געבט אים א גלאז, אדער אויף א פליגער, די אלע האבן נישט קיין שאלה פון טבילת כלים, מ'דארף נאר זיכער מאכן וועגן כשרות המאכלים.

**י"ט) הקדמה קצרה:** מ'דארף טובל'ן א כלי אינגאנצן אויפאיינמאל, מ'קען נישט טובל'ן קודם איין האלב און נאכדעם די צווייטע העלפט, ס'דארף זיין אזוי ווי ביי א מענטש - די גאנצע אויף איינמאל. [47]

אנדערש ווי כשר'ן, וואס דארט קען יא זיין איין חלק אויף אמאל, ממילא צוליב דעם:

**כ')** קען נישט זיין קיין חציצה אויף די כלי, ווייל דעמאלט קומט אויס אז יענע חלק אונטערן חציצה איז נישט געטובל'ט.

חציצה מיינט: א פרעמדע זאך, וואס איז נישט קיין חלק פון די כלי, און מ'וויל נישט ס'זאל זיין דארט, למשל א סטיקע"ר אדער די גל"ו קלעבאכטץ פון די סטיקער, דאס אלעס איז א חציצה.

אויב מ'האט עס געטובל'ט אזוי, דארף מען עס איבער'טובל'ן.[48]

חוץ אויב ס'שטערט נישט, און ס'איז ווייניג (מיעוט ואינו מקפיד) דעמאלט אויב מ'האט עס געטובל'ט מיט דעם איז עס גוט, דאס אז ס'שטערט נישט מיינט אז פאר רוב מענטשן פון די וועלט גייט עס נישט אן, אויב אים גייט עס נישט אן, אבער פאר רוב וועלט שטערט עס איז עס יא א חציצה. [49]

אויב פאר רוב וועלט גייט עס נישט אן אבער פאר אים יא, און אפילו פאר אים גייט עס נאר אן אין געוויסע צייטן נישט אייביג, איז עס אויך א חציצה. [50]

**כ"א)** א סטיקער וואס ווארנט ווי אזוי זיך צו באגיין מיט די כלי כדי ס'זאל נישט קומען צו א סכנה ח"ו - און מ'וויל ס'זאל דארט זיין איז נישט קיין חציצה, [51] און אזוי אויך אויב די כלי האט א ספעציעלע חשיבות אז מ'זעט וואספארא קאמפענ"י האט עס געמאכט, מילא וויל מען ס'זאל דארט זיין איז נישט קיין חציצה.

**כ"ב)** א כלי וואס האט א ווייע"ר, דארף מען נישט טובל'ן די גאנצע ווייער, נאר דארט ווי ס'איז באהאפטן צו די כלי דארף מען טובל'ן. אזוי אויך טאמער ס'האט א ווייער וואס ס'איז יעצט נישט איינגעפלאג"ט אבער ס'קומט דארט צו זיין איינגעפלאג"ט, זאל מען עס איינשטעקן און טובל'ן יענע חלק וואס איז באהאפטן צו די כלי. [52]

## הערות

ואפשר להשתמש בו בלא הברזל אי"צ טבילה, אבל... ובלי היתדות לא היה אפשר להשתמש בו... וה"ה בנידן דידן דהוי אי אפשר להשתמש בלי המעסער, ממילא מחויב.

45) ההסבר יוצא מביאור הגר"א סק"כ, ובעצם כ' זה בב"י ד"ה ודוקא.

46) שו"ע סעי' ח. 47) כ"כ בפתחי תשובה בשם החכמת אדם, וכן כ' בקיצור ש"וע סעי' י'.

48) שו"ע סעי' י"ג. 49) ע"י בערוך השולחן סי' ר"ב סעי' ג-ד הולכים בשניהם לחומרא.

50) שו"ע סי' קצ"ח סק"א. 51) ספר טבילת כלים (פ"ה ס"ב) בשם גדולי אחרונים.

52) קובץ מבית הלוי יו"ד עמ' קמ"ו.

# א מעשה
## פון א צדיק

# פוּן לֶערְנֶען דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט
### חלק ב'

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: ר' יַעֲקֹב הָאט בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּן הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער, און צוּ קֶענֶען מַאכְן אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה.**

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים אַרִיבֶּערְפָארְנְדִיג וַוארְשָׁא, הָאט עֶר גֶענֶעכְטִיגְט אִין אַ גַאסְט הוֹיז, דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שׁוֹין יֶעצְט בַּאצָאלְן, ר' יַעֲקֹב הָאט אַהִינְגֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצֶע גָאלְדְנֶע מַטְבֵּעַ אָן בֶּעטְן רֶעשְׁט וַוייל עֶר אִיז אַלֶעמָאל גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען צוּ מַטְבֵּעוֹת צוּ וְויסְן וְויפִיל עֶס אִיז וֶוערְד. גְלַייךְ בַּיים גֶעבְּן דִי גֶעלְט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם בַּעַל הַבַּיִת צוּ עֶר קֶען אִים בְּרֶענְגְן אַ גְמָרָא, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט דָארְט לֶערְנֶען גְמָרָא מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק און פְרֵיילִיכְקֵייט. עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט פַארְן בַּעַל הַבַּיִת אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶע גְבִיר.

פוּן דָארְט און וַוייטֶער אִיז שׁוֹין אַרוּמְגֶעפָארְן אַ שְׁמוּעָה אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אַז דָא אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר, וָואס אִיז אוֹיךְ אַ רִיזִיגֶע תַּלְמִיד חָכָם, עֶר לֶערְנְט גְמָרָא מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה און גֶעשְׁמַאק.

פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז מֶען זִיךְ צַאמְגֶעלָאפְן צוּ אַ קוּק טוּן אוֹיף דֶעם אִיד וָואס עֶס אִיז דָא בַּיים אִים תּוֹרָה וּגְדוּלָּה בְּמָקוֹם אֶחָד.

צְוִוישְׁן דִי צוּקוּקֶערְס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס אִיז מוֹרָא'דִיג נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן וִוי ר' יַעֲקֹב לֶערְנְט מִיט אַזַא חֵשֶׁק און דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "אִיר הָאט אֶפְשָׁר אַ טָאכְטֶער אִין שִׁידוּכִים? וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ זוּן אַ בָּחוּר וָואס הָאט אוֹיךְ זַייעֶר לִיבּ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה! אִיז אֶפְשָׁר קֶען מֶען זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין?" ר' יַעֲקֹב הָאט גֶעזֶען אַזַא אָפֶענֶע יַד הַשֵּׁם, הָאט עֶר גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען פַאר דֶעם שִׁידוּךְ און זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ תְּנָאִים צְוִוישְׁן זִיךְ.

ר' יַעֲקֹב אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען. זַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף, און אַזוֹי אוֹיךְ אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען הָאט גֶעלְט פַאר דִי חֲתוּנָה און אַ שֵׁיינֶע נָדָן. זֵיי הָאבְּן אַלְץ תּוֹלֶה גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן לֶערְנֶען גְמָרָא.

אַ נַאכְט פַאר דִי חֲתוּנָה הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ אָרִימֶע חֲתוּנָה און עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ,

פְּלוּצְלִינְג אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ קָאזַאק און גֶעפְרֶעגְט ר' יַעֲקֹב: "אִיךְ מֶעג דָא טַאנְצְן?" הָאט ר' יַעֲקֹב גֶעעֶנְפֶערְט "פַארְוָואס דֶען נִישְׁט" און דֶער קָאזַאק הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן מִיט אַזַא דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט און הִתְלַהֲבוּת, מַמָּשׁ אוֹיף אַן אוֹיפְן וִוי מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען, מִיטְאַמָאל הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט טַאנְצְן, און עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיין טַאשׁ אַ זֶעקְל אָנְגֶעפוּלְט מִיט גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר ר' יַעֲקֹב און פַארְשְׁווּנְדְן גֶעוָוארְן.



דֶעם קוּמֶענְדִיגֶע טָאג אִיז גֶעוֶוען דִי חֲתוּנָה, און דֶער הֵיילִיגֶע בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה און גְלַייךְ הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט ר' יַעֲקֹב "דֶער קָאזַאק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען?" הָאט ר' יַעֲקֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט "יָא יָא אַוַודַאי דֶער קָאזַאק אַז אָנְגֶעקוּמֶען" הָאט רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע גֶעזָאגְט: "וואוֹיל אִיז דֶער וָואס זֶעט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען וָואס וֵוינִיג מֶענְטְשְׁן זֶעהן, און דָאס אִיז נָאר אִין זְכוּת פוּן דַיין הַתְמָדָה אִין לֶערְנֶען גְמָרָא".

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלֶעמָאל זָאגְן: גְמָרָא מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ רַייךְ, בְּרוּחָנִיּוּת - עֶס מַאכְט אִים פְרֵיילִיךְ, מֶען פִילְט גוּט מִיט זִיךְ. און בְּגַשְׁמִיּוּת - דוּרְךְ לֶערְנֶען גְמָרָא אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ גְרוֹיס שֶׁפַע אִין פַּרְנָסָה.

**(שיחות מוהרא"ש חלק טז' ערך גמרא)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



ק"ד

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט גָאר שְׁוֶוערֶע מְנִיעוּת פוּן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן פוּן אַנְדֶערֶע חָשׁוּבֶע מֶענְטְשְׁן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נָתָן כַאפְּט זִיךְ אַרִיבֶּער צוּם רֶבִּי'ן, מִיטְ'ן פְּלַאן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן, אָבֶּער מִיט אַ גָאס רֶעגְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁפֶּעט קַיין בְּרֶסְלֶב. עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן זַיינֶע בִּיטֶערְנִישְׁן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים זייער מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

פוּן דֶעם טָאג וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען מִיט גְרוֹיס פְּלַייס, אוֹיף אַ נִישְׁט נָארְמַאלְן פַארְנֶעם. טָאג אוּן נַאכְט הָאבְּן זַיינֶע לִיפְּן זִיךְ נָאר גֶעשָׁאקְלְט מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם, נָאר פוּן עֲבוֹדַת ה'.

אוּן אוֹיף דֶעם אַלֵיין הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף דֶעם פִּילֶע מְנִיעוּת, סֵיי פוּן זַיין טַאטֶע אוּן סֵיי פוּן זַיין וַוייבּ, מְ'הָאט אִים זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן.

עֶר הָאט אָבֶּער זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְ'ס, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן צוּטוּן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז נָאר אַנְטְלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גָאר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דֶעסְטְוֶועגְן, אַזוֹי וִוי זַיין טַאטֶע אוּן זַיין וַוייבּ הָאבְּן אִים אַזוֹיפִיל גֶעמוּטְשֶׁעט, הָאט עֶר אִין לוֹיף פוּנֶעם חוֹדֶשׁ גֶעמוּזְט פָארְן אַסַאךְ מָאל קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב צוּ קוֹיפְן סְחוֹרָה. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועג אַהִין אוּן צוּרִיק הָאט עֶר נָאר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ

פְרַייטָאג, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי רֶבִּי נָתָן אַ אִינְגְל לְמַזָּל טוֹב, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אַזוֹי דִי בְּרָכָה פוּן רֶבִּי'ן וֶוערְט מְקוּיָּם, וַוייל בִּיז דֶעמָאלְט הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן דִי קִינְדֶער בַּיי זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

פְרַייטָאג, ח' כִּסְלֵו, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעמַאכְט דֶעם בְּרִית פַאר זַיין זוּן, אוּן אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן שַׁכְנָא

זוּנְטָאג, י' כִּסְלֵו, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ מְזַרֵז גֶעוֶוען אוּן אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין בְּרֶסְלֶב, טְרָאץ דִי קֶעגְנֶערְשַׁאפְט פוּן זַיין טַאטֶע אוּן זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין בְּרֶסְלֶב פַאר דְרֵיי וָואכְן אִין אַ צוּ, בִּיז נָאךְ שַׁבָּת חֲנוּכָּה.

אִין יֶענֶע צַייט הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן שְׁטָאט נֶעמִירוֹב גֶעלִיטְן גְרוֹיסֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים פוּן אַ בַּאקַאנְטֶער גְרוֹיסֶע רָשָׁע, אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן אַז וֶוען זֵיי וֶועלְן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה, וֶועלְן זֵיי דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס זֵיי לַיידְן דָארְט פוּן דֶעם רָשָׁע.

שַׁבָּת חֲנוּכָּה, פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ל' כִּסְלֵו, בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (זְכַרְיָה ד', ב') "רָאִיתִי וְהִנֵּה מְנוֹרַת זָהָב כֻּלָּהּ" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ח').

נָאךְ דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן, אוּן עֶר הָאט דַאן גֶעזָאגְט בְּדֶרֶךְ הֲלָצָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "וֶוען אִיר וֶועט אַהֵיימְפָארְן אוּן מְ'וֶועט אַייךְ פְרֶעגְן וָואס אִיר הָאט בַּאקוּמֶען, זָאלְט אִיר זָאגְן אַז אִיר הָאט בַּאקוּמֶען רוּחַ חַיִּים פוּנֶעם אֱמֶת'ן צַדִיק, צוּ מַכְנִיעַ זַיין דֶעם רָשָׁע".

אוּן אַזוֹי טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער רָשָׁע הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מַפָּלָה.

נָאךְ שַׁבָּת, הָאט דֶער רֶבִּי אַרוּמְגֶעדְרֵייעֶט מִיט גְרוֹיס חָכְמָה, אַז רֶבִּי נָתָן זָאל אָנְהוֹיבְּן רֶעגְלְמֶעסִיג שְׁרַייבְּן זַיינֶע תּוֹרוֹת. רֶבִּי נָתָן הָאט דֶעמָאלְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה "רָאִיתִי מְנוֹרַת זָהָב" פַארְ'ן רֶבִּי'ן.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס




מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו״ה אלי פערל הי״ו**
**וזוגתו ריזל תחי׳**

**צו די נייע אינגל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו״ה שרגא שטראססער הי״ו**
**וזוגתו מלכה תחי׳**

**צו די נייע אינגל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו״ה יצחק פעלדמאן הי״ו**
**וזוגתו רחל תחי׳**

**צו די נייע מיידל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש
שבת נחמו תשפ״ד
געברענגט דורך יואל פ.



## א מעשה פון תפילה

פארגאנגענעם שבת נחמו תשפ"ד האב איך זייער שטארק געוואלט זיין אין שטעטל, און עסן די סעודהביים ראש ישיבה. עס האט נישט אויסגעזען אז איך וועל קענען, אבער אזוי ווי דער הייליגע רבי האט אונז דאך געגעבן א מורא'דיגע מתנה, צו בעטן יעדע זאך דעם אייבערשטן, האב איך טאקע געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען זיין אין שטעטל און עסן א סעודהביים ראש ישיבה. וכן הוה, דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז כ'האב געהאט די זכי' צו זיין שבת אין שטעטל, ווי אויך עסן די סעודה ביים ראש ישיבה. מעין עולם הבא יום שבת מנוחה, פשוטו כמשמעו, עס איז פאר מיר געווען א שטארקע עקספיריענס, און איך האב געלערנט זייער אסאך אין לעבן פון דעם שבת.

איך וועל מיטן אייבערשטנ'ס הילף פרובירן מיטצוטיילן וואס איך האב געזען ביי די סעודה, און איך האף אז די ליינער וועלן אויך קענען ארויסנעמען לעובדא ולמעשה אליינס צו פירן געשמאקע סעודות ביי זיך אינדערהיים מיט די קינדער. וואס דאס איז דער עיקר ציל פון אראפשרייבן די סעודות.

שבת אינדערפרי ווען איך בין אריינגעקומען אין שטוב פונעם ראש ישיבה איז שוין דער ראש ישיבה געווען אין שבת שטוב, און אפגעווארט די קינדער. ביים ראש ישיבה אין דיינונג רום איז דא א גרויסע טיש, און אין די זייט ביי די וואנט איז דא אנגעגרייט אסאך צוזאמליייג בענקלעך, דער ראש ישיבה האט גענומען בענקלעך, ער האט דאס געעפנט, און געלייגט בענקלעך אויף יעדן'ס פלאץ. ער האט אויסגערעכנט דער וועט זיצן דא, די בענקל איז פאר דעם, און פאר יעדן וואס איז אריינגעקומען האט דער ראש ישיבה געזאגט וואו זיין פלאץ וועט זיין, די זעלבע פאר די קינדער האט ער געזאגט "היינט וועסטו זיצן דא נעבן אים."

עס איז מיר געווען זייער אינטערעסאנט צו זען ווי אזוי דער ראש ישבה אליין פירט יעדע זאך. עס איז פון פארדעם שוין געווען אנגעגרייט חלות און בילקעלעך אויפן טיש אין א טאץ, אבער דער ראש ישיבה האט דאס געלייגט ביי די פלעצער, און געזאגט "דאס איז פאר דעם, דאס איז פאר יענעם", און אלעס אליין געשיקט מיט א זריזות. דער ראש ישיבה אליינס גרייט אן די טיש, (אין אמעריקע זאגט מען: ער איז אין טשארדש אויף אלעם), ער נעמט די זאך אין די הענט, דער ראש ישיבה האט געהייסן די קינדער זאלן אריינברענגען גלעזלעך און אראפלייגן נעבן אים.

## גלייך גערעדט פון די אייסעס

צוביסלעך זענען אויך אנגעקומען די געסט, דער ראש ישיבה האט אויפגענומען יעדן בסבר פנים יפות, און געגעבן פאר יעדן א פלאץ ווי צו זיצן. אזוי ווי דער ראש ישיבה'ס ווייב מיט די פרויען זענען נאכגישט דארטן געווען, האט דער ראש ישיבה זיך אראפגעזעצט און אנגעפאנגען אביסל צו שמועסן מיט די געסט. אויך אין די זעלבע צייט קעיר גענומען פון די קליינע קינדער זאלן זיין מסודר. דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין קליינע אינגל: "דו וועסט זיצן נעבן מיר און מיר העלפן טיילן די אייסעס" (מען האלט נאך פארן חלומען צו ס'איז דא בכלל אייסעס, אבער דער

קינד האט שוין געפילט די טעם פון די אייסעס אין מויל, ווייל ער זיצט נעבן טאטי צו קענען טיילן אייסעס).

דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו זינגען מיט די קליינע קינדער: "טיריראטאטיי, טיריראטאטיי, שבת איז שוין דא, שבת, שבת, די טאטע מאכט קידוש", און אזוי ווייטער. נאכדעם האט ער געזאגט: יעצט גיי איך זינגען א נייע זאך: "שבת, אוי שבת, די טאטע טיילט אייסעס," די קינדער האבן דאס זייער ליב געהאט, עס איז געווען פריילעך. איין קינד האט געבעטן חלה, האט דער ראש ישיבה אים געגעבן א שטיקל חלה וואס ס'איז געבליבן פון נעכטן. נאכדעם האט נאך א קינד געבעטן חלה האט ער אים געגעבן, אויך האט ער זיי געגעבן טאמעטע דיפ וואס סאיז געווען אנגעגרייט אויפן טיש.

## א באטל וויין פאר אסאך וואכן

ווען דער ראש ישיבה'ס ווייב איז אנגעקומען מיט די טעכטער, האט דער ראש ישיבה געוויזן זיי זאלן זיך אראפזעצן, און דער ראש ישיבה האט אנגעגאסן די בעכער מיט וויין (וואס פון איין באטל איז גענוג פאר אסאך וואכן) און געמאכט קידוש. נאכדעם האט ער די ערשטע געשיקט וויין פאר זיין ווייב, און אריינגעגאסן און די גלעזלעך פאר יעדן, און בשעת'ן גיסן געזאגט יעדן'ס נאמען פארוועם ער גיסט יעצט אן, און פאר די קאפל'ס וואס זענען דארט געווען, האט ער געזאגט צוויי מאל די מאן'ס נאמען, למשל שלמה, שלמה, אברהם, אברהם, און געשיקט דורך די קינדער פאר יעדן, חוץ דער וואס איז געשטאנען נאנט האט ער געוויזן אליין צו נעמען.

עס איז אזוי אויסגעקומען אז פאר די אינגעלייט וואס באקומען די ערשטע, האבן באקומען וויין, נאכדעם וואס די בעכער איז געווארן ליידיג האט ער אריינגעגאסן גרעיפ דזשוס, אזוי אז די קינדער האבן שוין באקומען נאר גרעיפ דזשוס.

דער ראש ישיבה האט געהייסן פאר זיינע גרויסע קינדער זאלן אריינגיין אין קאך העלפן מאמי, זי זאל קענען זיין מיט די געסט, און נישט דארפן זיין אין קאך.

## ווארטן אויף די ווייב

דער ראש ישיבה האט אויסגערופן: "יעדער קומט זיך וואשן", דער ראש ישיבה אליין האט געוואשן אלע יונגע קינדער, נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיך אליינס געוואשן און זיך אראפ געזעצט ווארטן רואיג ביז זיין ווייב קומט אריין.

שפעטער האט דער ראש ישיבה מסביר געווען פאר איינע פון די געסט: "מען ווארט מיט די ברכה המוציא ביז די ווייב קומט אריין, ווייל א פרוי איז אויך מחויב מיט אלע זאכן פון שבת, זי דארף אויך האבן לחם משנה, וועגן דעם ווארט מען אויף איר מיט די לחם משנה".

אינצווישן האט זיך יעדער געוואשן, ווען איך בין אריינגעקומען האב איך געמיינט אז דער ראש ישיבה האט שוין אויפגעשניטן די חלה, איך האב נישט באמערקט אז ער ווארט נאך, האב איך געמאכט המוציא, דער ראש ישיבה האט מיר געוויזן אז איך זאל עסן, נישט ווארטן אויף אים, און מיר געווינקען מיט די הענט אז ער ווארט נאך אויף זיין ווייב זי זאל אריינקומען, (עס איז געווען פאר מיר זייער א שטארקע בילד, ווי אזוי דער ראש ישיבה וואס געווענטליך ריהט ער נישט קיין רגע, זיצט אזוי רואיג און ווארט אויף זיין ווייב).

דער ראש ישיבה האט געמאכט הויך מיט א נעימות המוציא, און אויפגעשניטן די חלה, געשניטן צוויי סלייסעס, פאר זיך און זיין ווייב (דרך אגב, דער ראש ישיבה פירט זיך אראפ צו בייסן די ערשטע שטיקל פון די שבת'דיגע חלה מיט די מויל, אלס חביבות המצוה).

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געשניטן פאר יעדן איינעם פון די טיש פון זיין גרויסע חלה, אויך האט ער אין די זעלבע צייט אויסגערעכנט ווער ס'זאל מאכן לחם משנה מיט וועם. עס איז געווען אינטערעסאנט צו זען ווי אזוי דער ראש ישיבה האט אלעס אויסגערעכנט, און טוט אפאר זאכן אויף אמאל רואיגערהייט, און ווי ער פירט די זאך ווי א פאזעל

נאכן מאכן זיכער אז יעדער האט באקומען פון זיין גרויסע חלה, און אז יעדער אינגערמאן האט אויך באקומען צו שיקן פאר זיין ווייב חלה, האט דער ראש ישיבה געגעסן חלה מיט דיפס, און געבעטן מען זאל ארויפשיקן דיפס פאר די געסט.

דערנאך האט מען געגעסן די פיש.

## די טערעפי שיעורים

דער ראש ישיבה האט עקסטער געפרעגט פאר יעדן פון די געסט זאל עפעס זאגן. איינער פון די געסט איז געווען א משפחה פון לעיקוואוד, וואס זיי מאכן יעדע וואך די ענגלישע גליון, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין ווייב: "הערסט, זיי לייגן אריין יעדע וואך פופצן שעה צו מאכן אן ענגלישע גליון, צו ברענגען אידן צום אייבערשטן".

> **"מ'קומט דיך דא מציע זיין א ברסלב'ע טערעפי, מען רעדט זיך אויס צום אייבערשטן, קענסט אים ריטשן עני טיים, ס'וועט בלייבן קאנפידענשל."**

דער ראש ישיבה האט אים געזאגט: "ס'איז דא זאכן וואס ביי די אידישע גליון קען מען שרייבן, אבער ווען מען שרייבט דאס איבער אויף ענגליש זאל ער צולייגן קאפ ווי אזוי מען שרייבט דאס איבער, ווייל ענגליש גייט דאך נישט נאר פאר די פרומע בני תורה, מען דארף טראכטן צו זיי פארשטייען דאס, און ווי אזוי זיי קענען דאס אויפנעמען."

"למשל ביי די אידישע גליונות שטייט אסאך מאל קעגן טערעפי, די מענטשן וואס ליינען אידיש וועלן פארשטיין אז טערעפי קען ברענגען גרויסע חורבנות, צוברעכן אידישע שטיבער, אפטיילן קינדער זאלן נישט מכבד זיין די עלטערן, וכדומה, אבער ביי די וואס ליינען נאר ענגליש איז דא אן אנדערע בליק אויף טערעפי, ביי זיי אז דו וועסט רעדן קעגן טערעפי וועלן זיי דאס נישט קענען נעמען, דארף מען וויסן ווי אזוי צו שרייבן, קען מען שרייבן אז מ'קומט דיך דא מציע זיין א גוטע טערעפי, ברסלב'ע טערעפי, א גרינגע וועג אין טערעפי, מען רעדט זיך אויס די הארץ צום אייבערשטן, קענסט אים ריטשן עני טיים, קענסט אים אלעס פארציילן, ס'וועט בלייבן קאנפידענשל.

אויך האט דער רבי א טערעפי וואס מאכט זייער גוט פילן, מען זאגט אפאר פרקים משניות, עס ארבעט אפילו מען האט געהאט א שווערע טאג, די מח איז אויסגעמוטשעט, אויב מ'טוט די טערעפי פון זאגן פרקים משניות, הייבט מען אן צו פילן גוט מיט זיך, ס'ארבעט מעדזשיק, מ'דארף שרייבן די שפראך וואס מען פארשטייט."

אויך האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיט אים אויב זיין ווייב גייט צו די פרויען צאמקום, און ווער אלץ פון די משפחות גייען צו די שיעור, און וואו די שיעור איז, דער ראש ישיבה האט זיך אינטערעסירט פון יעדע פרט ופרט פון די לעיקוואוד אנשי שלומינו.

## מ'קען נישט? מ'וויל נישט!

דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט ווי אזוי ער איז מקורב געווארן, דער אינגערמאן האט פארציילט דורך וועם ער איז מקורב געווארן, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יענעמס טאטע זאגט דרשות ביי שבתים וואס מען איז מחזק משפחות, און שטילערהייט קומט ער צו מיר זאגן, אז אלעס וואס ער זאגט דארט נעמט ער פון די שיעורים." דער ראש ישיבה האט געזאגט: "זייער אסאך רעדנערס און מגידי שיעורים הערן די שיעורים, און אלע חיזוק וואס זיי זאגן נעמען זיי נאר פון די שיעורים, אבער עס איז א ווייטאג אז מען זאגט נישט אפן אז די דיבורים קומען פון רבי'ן און פון מוהרא"ש, ווען מען וואלט געוויסט אז די חיזוק קומט פון מוהרא"ש, וואלטן אלע מקורב געווארן צום רבי'ן, אלע וואלטן ווען געלעבט א גן עדן לעבן."

האט איינער געפרעגט: "מוהרא"ש אליין האט דאך געזאגט אז אויב מ'קען נישט זאגן בשם אומרו וועגן מחלוקת, קען מען נאכזאגן אפילו אן די נאמען"? האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מ'קען דען נישט? מ'וויל נישט"!

דער ראש ישיבה האט געפרעגט דעם אינגערמאן וואס ער לערנט אין זיין כולל, האט ער געזאגט 'הלכה' האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט: "פסקי תשובות? אדער טור בית יוסף?" האט ער געזאגט אז ער לערנט אין אזא כולל וואס מען לערנט יא טור בית יוסף, ווייל דארט ווי ער וואוינט לערנען דארט די אינגעלייט בדרך כלל גמרא, אויך אין די זייט לערנט מען משנה ברורה, און פסקי תשובות. האט דער ראש ישיבה דאס זייער אויסגעלויבט און נאכגעזאגט פונעם הייליגן בעלזער רב אז טור בית יוסף ברענגט צו יראת שמים.

א אינגערמאן האט דארט פארציילט אז נעכטן שבת ביינאכט, האט ער געגעסן ביים דיין שליט"א, און דער דיין האט אויסגעפרעגט יעדן וועלכע זאך זיי האבן די בעסטע ליב, דער דיין האט געזאגט אז ער האט די בעסטע ליב זונטאג צופרי 9:59 אנצופאנגען "זאגט דער הייליגער מחבר" מיט די זיסע תורה ניגון.

איינער פון די מחנכים אין אילן החיים האט פארציילט אז עטליכע בחורים זענען נעכטן געגאנגען אין די דערנעבנדע קאנטרי - וויזניץ צום טיש, האט דער ראש ישיבה געפרעגט צו זיי האבן זיך אויפגעפירט דרך ארץ'דיג, האט ער געזאגט אז ער האט זיי אנגעזאגט זיי זאלן האבן דרך ארץ. ער האט פארציילט פארן ראש ישיבה אז ער איז געגאנגען מיט די בחורים אויף עפעס א פלאץ וואשן וועש נאך די 9 טעג, זיי האבן פארדעם געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל זיין ליידיג ביז זיי ענדיגן וואשן, וכך הוה, ממש ווען זיי האבן געענדיגט, איז אנגעקומען א אנדערע גרופע מיט מענטשן וואשן וועש, און זיי זענען געשטאנען און געקוקט ווי ערוואקסן און דרך ארץ'דיג די ברסלבע בחורים זענען. דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט דערפון.

## מיין טאטע איז ווערד צוועלף מיליאן מיט פינף ביליאן!

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "שכח באשעפער פאר מיין טייערע קינדער, ביז כמעט דריי יאר נאך די חתונה האבן מיר געמיינט אז מיר וועלן שוין נישט האבן קיין קינדער און יעצט ברוך השם". ער האט געוויזן אויף די קינדער: "קוק ווי גוט דער באשעפער איז צו אונז".

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז עס זענען געקומען דא אפאר מאדערנע אידן דאווענען, איינע פון זיינע קינדער איז געשטאנען און גערעדט מיט זיי און האט זיי אראפגעלייגט מיט א זאפטיגע שפראך: "מיין טאטע איז ווערד פינף באלוינעס (מיט א בית) פלאס צוועלף מעלאנעס". די מענטשן האבן געעפנט די אויגן: "אמת'דיג?" זאגט ער "יא"! מיר האבן צוועלף קינדער און פינף אייניקלעך. פרעגן זיי: "איך פארשטיי נישט, דו רעדסט פון געלט אדער קינדער?" האט דער קינד מסביר געווען: "ביי אונז אין ברסלב זענען די קינדער אויך ווערד (גרויס געלט)".

דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו זינגען די ניגון 'טועמיה חיים זכו, אלע טעמים, טעם טעם, מעין עולם הבא' צולייגענדיג אייגענע גראמען, 'טייערע הערשי ווען דו שטייסט אויף אינדערפרי, די ערשטע זאך זאגסטו מודה אני,

## סעודות מיטן ראש ישיבה

דערנאך נעגל וואסער אפ גיסטו, אלע טעמים .....' די קינדער האבן זייער ליב געהאט די ניגון און אנגעהויבן מאכן גראמען. יעדעס קינד האט געזאגט א גראם שטילערהייט פארן ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט דאס געזינגען הויך. בקיצור, ס'איז געווען פריילך, לעבעדיג און ליסטיג, יעדער האט געזאגט דארט זאכן אין גראמען. דער ראש ישיבה האט געזאגט אלע מיני זאכן וואס די קינדער האבן ליב צו הערן, למשל: "אויף דיין בייק פארסטו" און "דעם באשעפער דאנקסטו".

ווען א קינד האט געזאגט עפעס א גראם וואס רעדט פונעם אייבערשטן האט דאס דער ראש ישיבה אויסגערימט און געזאגט הויך. אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט האלבע גראמען און געוויזן פאר די קינדער זיי זאלן זאגן די אנדערע חלק פון די גראם, איינע פון די גראמען וואס א קינד האט געזאגט איז אז מלכי און בלומי (צוויי בעביס איינס א קינד און די אנדערע אן אייניקל פונעם ראש ישיבה) האבן געוויינט און אויפגעוועקט א גאנצע נאכט...

נאך א זאך האב איך באמערקט אז איינע פון דער ראש ישיבה'ס קינדער האט זייער ליב געהאט צו פויקן אויפן טיש לכבוד שבת, און גראדע איז ער געזיצן ממש נעבן דער ראש ישיבה אזוי אז דער ראש ישיבה האט געהערט ווי ער פויקט, דער ראש ישיבה האט אים געזאגט ער זאל אויפהערן צו פויקן און ער האט גלייך געפאלגט. אבער אפאר מינוט נאכדעם האט ער פארגעסן און ווייטער ממשיך געווען צו פויקן, איך האב באמערקט ווי אזוי דער ראש ישיבה קוקט אויף אים און האלט זיך איין, ער מאכט זיך ווי ער באמערקט נישט פאר א האלבע מינוט ער זאל זיך נאך קענען אויספויקן און אביסל אויסגעבן, און נאך א האלבע מינוט וויזט אים דער ראש ישיבה ער זאל אויפהערן. שפעטער ביי די גראמען האט ער נאכאמאל פארגעסן און ווייטער געפויקט, האט דער ראש ישיבה דאס געגעבן א לייג אריין אין איינע פון די

גראמען, למשל זמירות אזוי שיין זינגסטו, אויף מיין קאפ האקסטו... נאכדעם געבט דער ראש ישיבה א לייג צו 'אלע טעמים, אלע טעמים'...

מען האט געברענגט אייסעס, ס'איז געווען גענוג נאר פאר די קינדער, דער ראש ישיבה האט געזאגט יחזקאל'ע זאל אנפאנגען די שפיל, און פרעגן "וואס האסטו ליב?" און מ'ענטפערט "דעם אייבערשטן האב איך ליב"! "וועלכע גלייכסטו?" זאגט מען א קאליר וואס מען וויל, אבער למעשה נאכן פרעגן 2-3 קינדער, האט דער ראש ישיבה שנעל געגעבן א טייל אויס פאר אלע קינדער נישט אזוי ווי געוועינטליך ווען מען מאכט די שפיל מיט יעדן פון די מסובין.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזינגען מיט די קליינע קינדער: "אמאל בין איך געגאנגען אין א אידישע גאס, האב איך געטראפן א איד", דער ראש ישיבה מיט די קינדער האבן אנגעגרייט די הענט צו געבן שלום עליכם מיט פארקערטע הענט, ווען מען גייט זינגען: "האב איך אים געגעבן שלום עליכם" למעשה איז דאס נישט געלונגען, די הענט האט זיך נישט גוט צוזאם געקלאפט, און פון דעם אליין האט דער עולם געלאכט, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "די עיקר איז אז די סעודה איז ברוך השם א פרייליכע סעודה."

## פרייליכע זמירות

מען האט געזינגען זמירות, ווען מען איז אנגעקומען צו די זמר: "דרור יקרא" האט דער ראש ישיבה מכבד געווען יעדע שטיקל זאל א צווייטער פארזינגען סאלא, למשל: "דרור יקרא לבן עם בַּת" און די גאנצע עולם האט צוזאמען נאך געזינגען: "בַּת בַּת בַּת," "וינצרכם כמו בָבַת", "בַת בַת בַת" און אזוי ווייטער, ווען עס איז געקומען צו די שטיקל: "דעה חכמה לנפשךְ," אנשטאט צו געזינגען "ךְ ךְ ךְ" האט דער ראש ישיבה פרייליך געמאכט און געזינגען: "שְׂחָה שְׂחָה שְׂחָה".

מען האט אויסגעטיילט בענטשערס פאר יעדן, כדי צו בענטשן נאר אינעווייניג! דער ראש ישיבה האט מכבד געווען דעם גאסט פון לעיקוואוד צו בענטשן על הכוס, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן "ווייל ער מאכט אזא שיינע גליון, געבט ער אים דאס בענטשן"!

נאכן בענטשן האט מען געברענגט ניסלעך, דער עולם האט געגעסן ניסלעך, און מען איז געזיצן רואיג און געשמועסט. דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער זאלן זאגן ווערטלעך פאר די געסט, דער ראש ישיבה האט זיי אינטערגעזאגט אפאר ווערטלעך וואס צו זאגן, יעדער האט געשמייכלט.

איינע פון דער ראש ישיבה'ס חתונה געהאטע קינדער האט אויך געזאגט א וויץ, האט אים דער ראש ישיבה געהייסן זיך אויפשטעלן און דאס איבער זאגן הויך, אז מאמי זאל אויך הערן.

## די דייטשן זענען שוין לאנג אינעווייניג!

איינער האט פארציילט אז ער איז געגאנגען הפצה פינף אזייגער נאכמיטאג אין עפעס א קעמפ, און ער האט דארט געזען עלטערע בחורים מיט פידזשאמעס זיצן אריינגעטון אין די סמארטפאונס. ער האט פרובירט צו מפיץ זיין, אבער קיינער האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון אים, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ווען מ'ליגט שוין אין די סמארטפאון איז שוין זייער שווער, ווייל די קאפ איז נישט דא." איינער האט זיך אנגערופן: "די מגידי שיעורים ווייסן נישט ווי ווייט די בחורים האלטן, זיי פייטן אויף געוויסע זאכן, און זיי כאפן נישט אז די בחורים האלטן שוין אסאך ווייטער פון דעם!"

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ס'גייט אים נישט ארויס פון קאפ א בילד וואס ער האט געזען אין א ביכל וואס איינער האט געשריבן פון די מלחמה, ער לייגט דארט אריין א בילד וויאזוי די פוילישע סאלדאטן שטייען מיט א האלצענע צוים, און כאפן דאס אן שטארק, אז די דייטשן זאלן נישט קענען אריינקומען אין פוילן, און פון די אנדערע זייט זעט מען א שטארקע רויער, ווייל די דייטשן האבן שוין פון לאנג איינגענומען פוילן מיט זייערע פארגעשריטענע עראפלאנען, די פוילישע האבן ניטאמאל געוויסט אז עס איז דא עראפלאנען, זיי האבן געמיינט אז מען דארף זיך קריגן מיט הענט, אין די צייט וואס די דייטשן זענען שוין לאנג געווען אינעווייניג, שוין לאנג באמבאדירט און איינגענומען זייער לאנד.

דערנאך האט זיך דער ראש ישיבה אויפגעשטעלט און געטאנצן אפאר מינוט, וטהר לבינו, ונשגב ה' לבדו, און מען איז ארויסגעגאנגען פון די סעודה זייער פרייליך.

## מנהג ישראל תורה

**צום שלוס:** אסאך מער וויפיל מ'קען שרייבן האב איך געזען צווישן די שורות, נאר איך האב פשוט נישט די ווערטער דאס ארויסצוברענגען אויף פאפיר, אבער דאך וועל איך שרייבן לויט ווי איך האב צוגעקוקט, וואס מען קען זיך אביסל אפלערנען, און נאכמכאן יעדער לויט זיין תכונת הנפש.

1) צו פרובירן אז די סעודה זאל זיין וואס מער געשמאק, און ווי מער פרייליך, אז די קינדער זאלן פילן אז די שבת סעודה איז א פרייליכע זאך, דער ראש ישיבה טוט און רעדט כל מיני וועגן צו מאכן פרייליך ביי די סעודה.

2) צו האלטן קאפ, און האבן א ציל ווי מען קען נאר מיט חכמה אריינברענגען אין די קינדער דעם אייבערשטן, נישט בתורת מוסר, נאר אויף א געשמאקע וועג אנדעם וואס די קינדער זאלן כאפן אז מ'מיינט דא עפעס, אומדירעקט אריינווארפן צווי דריי ווערטער פונעם אייבערשטן, תפילה, אמונה, וכדומה, אזוי אז ס'גייט טיף אריין אין די קינדער'ס קאפ, און נאכדעם פארט די שפיל ווייטער, כאילו ער האט גארנישט געוואלט, און גארנישט געמיינט.

3) אז מיר זאלן צוגיין צו די סעודה מיט "געדולד", "ליבשאפט" און "רעספעקט" סיי צו די קינדער, און סיי צו די ווייב.

4) די קינדער מוזן נישט זיצן די גאנצע צייט אויפן פלאץ, נאר מען פאנגט אן די סעודה מיט אלע קינדער, קידוש, נטילת ידים, המוציא, און אנפאנג פון די פיש, נאכדעם גייען די קינדער פון זיך אליינ'ס ארויס שפילן, און מען רופט זיי צוריק יעדע שטיק צייט. דער ראש ישיבה געט זיך אפ מיט די קינדער זיי מחנך צו זיין, נישט ער לאזט זיי הפקר, אבער פון די אנדערע זייט איז די חינוך מיט א רואיגקייט מען מוז נישט זיצן א גאנצן צייט אויפן פלאץ.

5) ס'איז גארנישט אויב דא און דארט פון צייט צו צייט רעדט מען שטרענג צו א קינד, ווען א קינד טוט א עוולה, אדער מ'וויל אים אויסלערנען זאכן, אבער בתנאי אז א רגע נאכדעם איז מען צוריק רואיג און פרייליך כאילו לא היה.

6) זיך אראפלאזן צו די קינדער, און פארציילן א מעשה לויט זייער שפראך.

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט זיין ביי אזא שיינע סעודה. שכח ראש ישיבה פארן מיך מחי' זיין, און מיך לאזן קומען, און שכח פאר די רעבעצין פארן אנגרייטן אזא געשמאקע סעודה, מיט אזעלכע פיינע עסן!

**טעם טעם טעם טעם עולם הבא... אלע טעמים.**

# פאר די ברסלב'ע שטוב



**ש. טראכטער:**
די שטעטל'דיגע זופ!



**ג. פעקעטע:**
יענטי'ס שבת'דיגע זופ!

נייע אפטיילונג!

# לאמיר שמועסן

א שמועס מיט **מרת פוקס** פון
קרית ברסלב ליבערטי!




״מיין רצון איז נאר
ארייננצוברענגען
דעם רבינ׳ס אור
אין די גאנצע
וועלט״

״מיין נשמה איז
אראפגעקומען
אויף דער וועלט,
נאר צו מפיץ זיין
די ליכטיגקייט פון
הייליגן רבי׳ן אויף
די גאנצע וועלט״

*sruliHeskel


"איך וועל נישט
רוען ביז ווען איך
וועל אנפילן די
גאנצע וועלט מיט'ן
רבינ'ס ספרים"
"רבי נתן וואלט זיך
מחי' געוועהן מיט
אזא בית הדפוס"
הכרת הטוב
לולא קדישא
הרא"ש זי"ע
תשפ"ה לפ"ק

# לאמיר שמועסן

**נאמען:** מרת א. פוקס

**וואוינארט:** היינט - ברסלב'ע שטעטל. אמאל - אומאן, אוקריינא.

**קינדער:** שכח אייבערשטער 6 לעכטיגע געזונטע קינדער.

**א ניגון וואס העפנט דיר די הארץ:** לעבעדיגע ניגונים פון דער ראש ישיבה שליט"א.

**א פלאץ אדער צייט וואס דו האסט ליב צו רעדן צום אייבערשטן:** אינדערפרי ווען עס איז שטיל, צווישן די גרינע גראז אוןביימער נעבן מיין הויז.

מיט עטליכע יאר צוריק איז ארויסגעקומען א געוויסע אויסגאבע מיט אסאך באשרייבונגען, ערציילונגען, און נאך פיל. מיין מאן האט מיר עס אהיימגעברענגט, און איך האב זיך אראפגעזעצט עס ליינען. איך בין אריבער איין באשרייבונג נאכן צווייטן. ביז מיינע אויגן האבן זיך אפגעשטעלט אויף א בילד וואס מען זעט דארט איינע פון די עלטערע ברסלב'ע זינגערס מו"ה ישראל דגן הי"ו אינאיינעם מיט דער ראש ישיבה שליט"א.

דער בילד האט מיר געגעבן א כאפ! איך גיב א קוק וואס שטייט וועגן דעם בילד, און איך זע דארט די ווערטער 'דער ראש ישיבה שליט"א טייטשט איבער די ניגונים פון דעם ברסלב'ן זינגער אויף אידיש'. ווייל איך האב זייער ליב געהאט די ניגונים פון הרב דגן האט מיר עס זייער געכאפט. איך האב געטראכט מן הסתם אויב די לשון הקודש ניגונים איז אזוי שיין, איז די איבערגעטייטשטע אסאך שענער. האב איך געבעטן מיין מאן זאל מיר שאפן די ניגונים.

אויף א ערב ראש השנה האט מיין מאן געטראפן אין אומאן (דארט וואו איך האב דעמאלט געוואוינט) א מפיץ, ער האט אים געבעטן א סידי מיט די איבערגעטייטשטע ניגונים. דער מפיץ האט אביסל געזוכט און גענישטערט ביז ער האט געטראפן דאס געזוכטע. און מיין מאן האט מיר עס אהיימגעברענגט.

דעמאלט האב איך נישט געוואוסט אז דער ראש ישיבה שליט"א געבט אויך שיעורים און שרייבט הערליכע בריוון. איך האב זיך נאר מחי' געווען מיט די שיינע הארציגע ניגונים..

א שטיק צייט שפעטער איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן א שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א, איך האב עס אויסגעהערט מיט דארשט און געזוכט נאך. אזוי האב איך געהערט איין שיעור נאכן צווייטן און גענומען די שיינע עצות פארן לעבן.

פאר מיין מאן איז עס געווען אביסל שווער, שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די שכל זיך נישט צו קריגן איבער דעם, איך האב אים זייער מכבד געווען, ווייל איך האב געוואוסט אז מן הסתם האט ער צאמגעהערט אסאך לשון הרע אויף היכל הקודש, און מיט סבלנות וועט ווערן שיינע זאכן. איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם. איך פלעג אים געבן צו הערן דא און דארט א שטיקל שיעור. איך האב געזוכט נקודות וואס וועט רעדן צו אים און אים געזאגט: "דו מוזט הערן די שטיקל, עס איז עפעס עקסטער אינטערעסאנט".

אזוי האבן די שיינע לימודים אנגעהויבן שטייטלעך אריינפארן ביי אונז אינדערהיים. די קינדער האבן אנגעהויבן צו הערן שיעורים, און די שטוב האט זיך אנגעהויבן צו טוישן ממש פון איין ריכטונג צום אנדערן אין יעדן הינזיכט. מיין מאן און קינדער האבן אנגעהויבן צו לערנען אסאך תורה מיט געשמאק. מיט די צייט האבן מיר אנגעהויבן פרעגן אונזערע שאלות פונעם ראש ישיבה שליט"א.

ערב ראש השנה תשפ"ב ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען אין אומאן, זענען מיר אריין פרעגן אונזערע שאלות. איך געדענק ווי איך האב געפילט אז איך באקום קאפ ווי פון אזוי פיל שאלות וואס איך האב צו פרעגן. אבער ווען איך בין ארויסגעקומען בין איך געווען אזוי רואיג מיט די ענטפערס אויף אלע שאלות, און מיט די ידיעה אז מיר

ש.ח. שטעסל

האבן מיט וועמען דורעכצושמועסן יעדע שאלה אין לעבן און וויסן ווי אזוי זיך צו פירן.

חודש אדר תשפ"ב בין איך געפארן מיט מיין עלטסטער זון נרו יאיר צו א משפחה שמחה אין אמעריקע. נאך דריי טעג באקום איך אן היסטארישער טעלעפאן רוף פון מיין מאן וואס איז געווען אין אומאן מיט די קינדער, ער דערציילט מיר אז זיי האבן זיך אויפגעוועקט פון שטארקע באמבעס. זיי האבן געמיינט אז די אייזערנע טויער פון חצר איז אראפגעפאלן, אבער שפעטער האט מען פארשטאנען אז די מלחמה פון אוקריינא מיט רוסלאנד וואס מען רעדט שוין דערוועגן א לאנגע צייט האט זיך יעצט אנגעפאנגען..

מיין מאן האט גלייך געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א וואס צו טון. די ענטפער איז געווען 'נישטא וואס מורא צו האבן און מען קען בלייבן אין אומאן'. גייט נישט דורך אפאר מינוט און דער ראש ישיבה שליט"א רופט צוריק און זאגט: "דייך ווייב איז דאך אין אמעריקע, איז אויב די גרעניצן וועלן זיך פארמאכן וועט זי נישט קענען אריינקומען, בעסער פאר ארויס פון אוקריינא." מען האט זיך געגעבן א שנעלע פאק צאם נאר די וויכטיגע זאכן, אזוי מיט א קליין רענצעלע איז מען ארויסגעפארן פון אומאן..

נאך א לאנגע נסיעה (וואס איז דעמאלט געווען באשריבן באריכות אינעם בלעטל) זענען זיי אנגעקומען אין מאלדאווע, פארפרוירן קאלט, אן קיין מינימאלע זאכן צו קענען פארן ווייטער. אפילו די וויזעס זענען געבליבן אינדערהיים, אזוי אז מען קען אויך נישט פארן קיין אמעריקע.

אזוי איז מיין מאן געווען מיט פיצלעך קינדער, און זיך געשלעפט פאר לאנגע טעג פון איין פלאץ צום צווייטן. אבער ברוך השם אלעס מיט ישוב הדעת, אן קיין פארלוירענקייט, ווייל זיי האבן געניצט זייער מויל און געהאלטן אין איין בעטן דעם אייבערשטן יעדע זאך וואס איז זיי געשטאנען אין וועג. מען האט אסאך תפילות פארגאסן צו קענען באקומען נייע וויזעס אריינצוגיין אין אמעריקע. און די אומגלויבליכע האט פאסירט, זיי האבן באקומען נייע וויזעס, און אזוי זענען זיי אנגעקומען מיטן אייבערשטנ'ס הילף אין שטעטל-ליבערטי.

פאר מיר האבן געכאפט וואס וועלן און וואו, איז שוין אונזער דירה געווען אנגעפילט מיט פושקעס פון קליידער, געשיר, שפילצייג, ביכער, זייפן, און וואס נישט. אלע איינוואוינער זענען געווען אזוי ווארעם און אונז געזארגט מיטן גאנצן הארץ. דאס האט אונז געגעבן אזא גוטע געפיל, און געמאכט שפירן היימיש און באקוועם אין די פרעמד.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן זיך פיין איינגעגלידערט דא, און מיר וואוינען אין אזא הייליגע ברסלב'ע שטעטעלע וואס די גאנצע לופט איז אייבערשטער. די קינדער וואקסן אויף אין גוטע מוסדות וואס מען בויעט זיי אויף, און מען געבט זיי אריין פון יונגווייז אן די ריינע אמונה, מען בראקט אריין אין זיי צו רעדן צום אייבערשטן און בעטן דעם אייבערשטן יעדע זאך.

## א טיפ פאר די אידישע מאמע:

"ווען איך טרעף זיך שפעט אין טאג נאכן זיין פארנומען מיט די קינדער אז איך האב נישט וואס אראפצולייגן אויפן טיש פאר נאכטמאל, וועל איך ניצן די שנעלע וועג פון קאכן: אויפקאכן הייסע וואסער מיט אביסל אויל און געווירצן, און צועסן מיט דעם נקניק\פרענקס מיט קארן. דא אין אמעריקע הייסט עס אפשר נישט קיין געהעריגע נאכטמאל, עס איז אבער יא א געהעריגע נאכטמאל אויף די ארץ ישראל'דיגע סטייל."

- מרת פוקס

ש. טראכטער



# די שטעטל'דיגע זופ!

אך וויל מיטטיילן מיט אייך א מעשה'לע מיט וועלכע איך בין אויפגעוואקסן. מיין מאמע שיחי' פלעגט אונז דאס דערציילן בשעת זי האט פראבירט - ווי אלע אידישע מאמעס - איינצושטופן נאך א לעפל אין מויל.

...

געווען אמאל א שטעטל וואס איז געפלאגט געווארן מיט ארעמקייט. די מענטשן פון שטאט האבן נישט געהאט קיין געלט צו קויפן עסן, קליידער און שיך.

עס האט אנגעהויבן קומען די קאלטע ווינטער טעג און די איינוואוינער פון שטעטל האבן נישט געהאט קיין געלט צו קויפן האלץ פאר הייצונג.

אזוי איז אריבער א טאג נאך א טאג וואס די קעלט דרינגט אריין אין די ביינער, און זייערע ארימע הייזקעלעך ווערן אדורכגעווייקט פון רעגן און פון שניי. די קליינע קינדער וויינען און ווערן פארקילט און עס איז נישטא מיט וואס צו לינדערן די הונגער און קעלט.

נאר אין קליינעם שול פון שטעטל איז געווען הייצונג. דעריבער פלעגן זיך אלע פון שטאט צוזאמקומען יעדן טאג און פארברענגען דארט און זיך עטוואס דערווארעמען די ביינער.

איין טאג איז חאצקל שמש אנגעקומען מיט א גרויסע טאפ און א גרויסע שמייכל.

"היינט גייט מען מאכן א ווארימע טאפ גרינצייג זופ וואס וועט אונז אלע דערווארעמען און זעטיגן."

דער עולם קוקט זיך אן מיט וואונדער

"ווער האט דען אזויפיל גרינצייג צו מאכן א קרעפטיגע זופ פאר אזא ציבור? מיר האבן ניטאמאל אויף א געהעריגע נאכטמאל פאר די קינדער." האבן זיי גע'טענה'ט.

חאצקל ווערט נישט דערשראקן. "ווער? אונז אלע." ענטפערט ער מיט א מיסטעריעזע שמייכל.

דער עולם פארשטייט נישט וואס ער זאגט.

חאצקל פילט אן די טאפ מיט וואסער און שטעלט עס אויפ'ן פלאם. דערנאך דרייט ער זיך צו זיינע חברים.

"זאגט מיר נאר טייערע חברים,

ווער פון אייך האט אין שטוב נאר איין גרינצייג?״

די חברים טראכטן..

משה, מנשה און ברוך זאגן אז יא, זיי האבן א מייער אין שטוב.

אפרים זאגט אז ער האט צוויי פעטרישקעס.

הערשל האט דריי צוויבלעך..

שלמה האט איין קארטאפל. שמעון האט צוויי קארטאפלעך.

חאצקל זעט אויס זייער צופרידן..

״איז דא איינער פון אייך וואס האט אפשר א קליין שטיקל פלייש אין שטוב?״

ניין! קיינער. אבער דוד׳ל האט אפאר ביינער, אפשר קען ער דאס ברענגען?

״אוודאי״ פריידט זיך חאצקל..

״געווירצן?״

דער שטילער בעריש זאגט אז יא, ער האט נאך איבערגעבליבן אביסל פון די פיינע גוטע געווירצן.

חאצקל שפאנט איין דעם ציבור. ״לויפט אלע אהיים און ברענגט מיר די אוצרות, איר האט דאך ממילא נישט וואס צו טון נאר מיט איין שטיקל גרינצייג, איז ברענגט עס דא און מיט יעדן צוזאמען וועט ווערן א געשמאקע זופ.״

די חברה טוען זיך אן די מאנטלען און די שטיוול און טרעטן ארויס און די פארשנייעטע געסלעך. יעדער יאגט זיך ווי שנעלער און ברענגט זיינע אוצרות.

חאצקל נעמט זיך צו די עבודה. ער שיילט און שניידט, בשעת די חברים העלפן אים צו. ביז געציילטע מינוטן ליגט שוין אין טאפ קליינע שטיקלעך צעשניטענע גרינצייג, אויך אביסל ביינער און פיינע געווירצן.

אינצווישן האט נאך נחום געטראפן ביי זיך אין שטוב אפאר קליינע סקוואש און עס אויך געברענגט. אויך חיים האט געפונען אפאר שטיקלעך קנאבל.

און אט הייבט אן גיין א פיינע גערוך וואס בארויגט שוין די שטעטל איינוואוינער. ביז א שעה צוויי שטייט שוין חאצקל ביים גרויסן טאפ און טיילט פון די נארהאפטיגע געשמאקע זופ פאר׳ן גאנצן עולם.

עס איז געווען איבער גענוג זופ און דער עולם האט זיך מחי׳ געווען... א זופ פון אחדות!

יעדער פאר זיך האט נאר געהאט איין שטיקל גרינצייג, אבער אלע צוזאמען, יעדער מיט זיינע אוצרות האט באשטייערט צו א זופ וואס די שטעטל אידן האבן נאכנישט פארזוכט.

...

מיין מאמע תחי׳ פלעגט אונז דאס דערציילן און אויספירן מיט׳ן מוסר השכל די כח פון אחדות און פון ליבשאפט.

...

אז מען קוקט אריין אין ספר אשר בנחל זעט מען אומצאליגע מאל ווי מוהרא״ש זי״ע בעט זיך אז מען זאל לעבן מיט ליבשאפט און מיט אחדות אז דאס איז די סוד פון אונזער הצלחה..

דער ראש ישיבה שליט״א האט שוין אסאך מאל נאכדערציילט פון מוהרא״ש זי״ע דעם סיפור אז אמאל האט דער הייליגער רבי ר׳ זושא געפרעגט זיין ברודער דעם הייליגן רבי ר׳ אלימלך זי״ע: ״ווי אזוי האסטו זוכה געווען מען זאל זען ביי דיר אזעלכע גרויסע מופתים; מענטשן קומען פון איבעראל נעמען ברכות און דו וואונטשט זיי אן ברכות פאר שידוכים, פרנסה, געזונט און פאר קינדער, ווי אזוי מאכסטו דאס?״ האט דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זכותו יגן עלינו אים געענטפערט: ״איך האב אריינגעברענגט צווישן מיינע תלמידים א שטארקע ליבשאפט איינער צום צווייטן, זיי האבן זיך זייער ליב, און דורך דעם פאסירן די גרויסע מופתים״.

אויך דערמאנט דער ראש ישיבה שליט״א אסאך אז רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט פאר זיינע תלמידים ״אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא״, אונזער זאך איז אז מיר האבן זיך ליב איינער דעם צווייטן; רבי שמעון בן יוחאי האט אריין געברענגט אין זיינע תלמידים אז מען זאל זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן. פלעגט מוהרא״ש זאגן אויף דעם א שיינע רמז, א׳נ׳ן׳ איז די ראשי תיבות ״אַ׳נְשֵׁי נַ׳חַל נ׳וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא״, אנשי שלומינו דארפן זיך האלטן צוזאמען און זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן.

מיר דארפן מקיים זיין וואס דער הייליגער רבי זאגט (חיי מוהר״ן, סימן רצב): ״הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ״, די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די גרויסע ליבשאפט וואס עס וועט זיין צווישן אייך.

פרשת ויגש האט דער ראש ישיבה געשריבן א שיינע בריוו מיט לויב אז מען פירט זיך צווישן אנשי שלומינו מיט שלום און ליבשאפט. אינעם בריוו דערמאנט דער ראש ישיבה שליט״א א פחד פון א מעשה. דער צדיק רבי חיים ויטאל זכרונו לברכה דערציילט (ספר שבחי האר״י ז״ל) אמאל אין אן ערב שבת האט אויסגעבראכן א קריגעריי צווישן אונזערע ווייבער תלמידים פון אריז״ל, און דער אריז״ל האט געזאגט, ״בְּקַבָּלַת שַׁבָּת בָּא אֵלַי הַמֶּלֶךְ הָרָע, וְאָמַר לִי״, אינמיטן קבלת שבת איז געקומען דער מלאך המות און ער האט מיר געזאגט, ״גַּם אַתֶּם גַּם מַלְכְּכֶם תִּסָּפוּ״, אז איך גיי נפטר ווערן, ״וְכָל זֶה בִּגְלַל הַקְּטָטָה שֶׁהָיְתָה בֵּינֵיכֶם הַיּוֹם״, אלעס צוליב די מחלוקה וואס איז היינט געשען צווישן אייך, ״כִּי כָּל פַּעַם שֶׁהָיָה הַשָּׁלוֹם שׁוּרָה בֵּינֵיכֶם לֹא הָיְתָה לְמַלְאָךְ הַמָּוֶת דְּרִיסַת רֶגֶל״, ווייל ווי לאנג עס איז געווען שלום צווישן אייך האט דער מלאך המות נישט געהאט קיין שליטה אויף מיר, ״כֵּן הָיָה בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים בְּאוֹתוֹ זְמַן נִתְבַּקֵּשׁ בִּישִׁיבָה שֶׁל מַעֲלָה מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ זַ״ל״, וכך הוה, אז דער אריז״ל איז יענע יאר אוועק; א שרעק פון א מעשה, דער אריז״ל איז דא מיט זיינע הייליגע תלמידים און די ווייבער קריגן זיך, און דאס איז גורם אלע צרות; זאלט איר מיר העלפן מיט די איין זאך, עס זאל זיין שלום צווישן די ארבעטער, די וואלענטירן.

זעען מיר סיי די גרויסקייט פון אחדות און סיי די סכנה פון מחלוקת.

אז דער אייבערשטער העלפט און עס שטעלט זיך אויף אזא שיינע שטעטל מיט אזויפיל חסד, איז יעדער איינער אחריות צו היטן אויף די אחדות און אויף די ליבשאפט.

אויף חנוכה האט דער ראש ישיבה שליט״א ארויסגעגעבן נאך א תורה פון ליקוטי מוהר״ן מיט׳ן אידישן פירוש. (דער ראש ישיבה האט לעצטנס געזאגט אז ספרי רבינו זענען אויף פאר פרויען.)

דארט שטייט די תורה אז יעדער איד דארף לעבן מיט׳ן מאמר ״בשבילי נברא העולם״ צוליב מיר איז באשאפן געווארן די וועלט... און דאס ברענגט פאר א מענטש סיי די כח צו קוקן אויף זיינע נקודה טובות אבער אויך צו לעבן מיט

אחריות, מיט תשובה. וואס קען איך טון צו מאכן די וועלט בעסער? און חלילה נישט קאליע מאכן "מיין וועלט..."

איידער מען קומט צום רבי'ן און מען הערט שיינע דיבורים פון שיינע מדריגות ווי ענוה, אחדות, דביקות בה', סבלנות וכו', ווערט מען זייער אפט צובראכן. איי, וויאזוי קום איך אן צו דעם?

אבער דער רבי האט רחמנות אויף אונז און ווייזט אונז א וועג. ער האט אונז אויסגעזאגט די סוד פון "העיקר התחברות ודביקות השי"ת הוא על ידי התפילה..." די עיקר וויאזוי א מענטש קען זיך באהעפטן צו השי"ת איז דורך התבודדות און תפילה.

דער רבי האט אונז געוויזן א וועג פון "נקודה טובה" וואס איז די שליסל צו אחדות. קוק גוט אויף דיין שכן, אויף דיין חבר'טע, אויף די לערערין פון דיין טאכטער און דאס וועט ברענגען ליבשאפט צווישן אונז.

איי, וועסטו מיר זאגן אז נאטירליך זע איך יענעמ'ס שמוציגע זאכן? דאס איז מיין נאטור...

אויף דעם האבן מיר שוין מקדים געווען מיט'ן רבי'נ'ס עצה פון תפילה והתבודדות. אויסשרייען, אויסוויינען און אויסבעטן ביים אייבערשטן אז ער זאל אונז געבן ריינע געזונטע אויגן. אזוי ווי מען בעט אינעם תפילה קודם לתפילה פון הייליגן ר' אלימלך זי"ע, "שנראה כל אחת מעלות חברינו ולא חסרונם" איך זאל זען די מעלות פון מיין חבר און זייער חסרונות.

אלע פון אונז האבן שיינע מדות און מדות וואס דארפן נאך ווערן שיין. די קונץ איז צו זען אין יענעם דאס וואס דו ווילסט אז יענער זאל זען אין דיר.

איר פארשטייט אוודאי אז מען מיינט נישט נאר דעם שכן, נאר "אויך דעם שכן." ערשט אין שטוב צווישן די אייגענע מאן און קינדער איז די עבודה נאך גרעסער, ווייל אזוי איז עס, ווען מען וואוינט אין די זעלבע ד' אמות זעט מען מער די חסרונות פון די ארומיגע, אבער מיט תפילה והתבודדות, און סבלנות אפילו מען זעט נישט ווי זאכן רוקן זיך, איז מען סוף סוף זוכה צו האבן ריינע אויגן און זען די מעלות פון אלע ארום.

נאך א שטארקע נקודה צו קענען פארמערן ליבשאפט צווישן אנדערע וואס דער ראש ישיבה חזר'ט כסדר איז "זיך אליינס ליב צו האבן." מען קען נישט ליב האבן יענעם אויב מען קען זיך אליינס נישט נעמען.

ואהבת לרעך זאגן חז"ל, זאלסט ליב האבן דיין חבר, "כמוך" ווי זיך אליינס. לערנען מיר פון דעם אז מען דארף זיך צום ערשט ליב האבן, כדי צו ליב האבן יענעם, ווייל אך און ווי אויב מען האט זיך נישט ליב און אויף אזא אופן האט מען ליב יענעם כמוך, ווי זיך..

אויף דעם דארף מען ארויסנעמען די "מעשה מיט א זופ." געדענקען אז יעדער פון אונז האט א נקודה טובה וואס א צווייטער האט נישט. מיין חבר'טע, שכן אדער שוועסטער האבן אפשר א קארטאפל אדער א צוויבל, אבער איך האב א מייער! און כדאי די זופ זאל ארויסקומען געראטן דארף מען האבן אלע סארט גרינצייג, קיין חילוק ווי מינדערווערטיג עס זעט אויס אין דיינע אויגן. יעדע שטיקל גרינצייג געט צו צום טעם, צו די ספעציעלקייט פון די זופ

א זופ פון צוויבל האט נישט קיין טעם. וואסער מיט קארטאפל איז קיין זופ. וואסער מיט מייער, האט יענס טעם.

אבער וואסער מיט מייער, מיט צוויבל, מיט קארטאפל, מיט ביינער און געווירצן, איז דאך עפעס ספעציעל.

איך מיט מיינע מעלות און דו מיט דיינע כשרונות און אונזער חבר'טע מיט אירע טאלאנטן, אינאיינעם וועלן מיר ערגענזן א בילד, א חבורה וואס איז געבויעט אויף ליבשאפט און אחדות. נאר מיט די כח פון געמיינזאמע אחדות וועלן מאכן די וועלט פון השי"ת שענער און בעסער!

ווי דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו ביים עפענונג פון איינס פון די שולן אין שטעטל: ...."די סוד פון ענקער הצלחה ליגט אין ענקערע הענט; אז איר וועט זיך ליב האבן - וועט איר מצליח זיין, אז איר וועט זוכן דאס גוטס איינער אויפן צווייטן - וועט דער אייבערשטער רוען צווישן אייך." ■





ג. פעקעטע

# יענטי'ס שבת'דיגע זופ!

איך קען אסאך יענטאס וואס הייסן נישט יענטי. און איך קען אויך אסאך יענטי'ס וואס זענען זייער ווייט פון א יענטא. אבער היינט האבן מיר צוגעטראפן א יענטי וואס איר מאמע'ס רוח הקודש ביים קידוש האט יא צוגעפאסט צו איר גרויס יענטישקייט.

א קליינע צייט איז פארביי נאך וואס יענטי האט שוין חתונה געהאט אין א מזל'דיגע שעה. ס'האט זיך אנגעצונדן א שטיקל ווארעמקייט ביי איר אין שטוב. יענטי און איר נייע מאן האבן מחליט געווען אז זיי ווילן שוין שפירן די זיסע טעם פון מאכן א שבת סעודה אליין ביי זיך אינדערהיים. יענטי האט זיך צוגעגרייט זיך צו שטעלן קאכן און באקן צו צושטעלן א שבת'דיגע סעודה.

די ערשטע זאך האט זי געוואלט ארויפלייגן א ווארעמע טשיקן זופ. ביי איר מאמע אינדערהיים האט זי אלץ געזען די גרויסע טאפ באבעלט און געבט ארויס אזא ווארעמע געשמאקע שמעק וואס פלעגט איר אנווארעמען ווען זי איז אנגעקומען אהיים.

זי רופט אן איר מאמע פאר פונקטליכע אנווייזונגען וויאזוי צו מאכן די פיינע שבת'דיגע טשיקן זופ וואס מיר ווייסן אלע. ס'איז נישט סתם א זופ, נאר דאס זופ האט אין זיך אלע טעמים. מ'רופט עס צומאל די "גאלדענע זופ"-

מ'לייגט דאך אריין אין דעם 14 מייערן, 14k. די זופ היילט נפשות. ס'ווארעמט אן אידישע הערצער צום אייבערשטן ביי די סעודות שבת. יענטי'ס מאמע האט איר פונקטליך מסביר געווען וועלכע סארט פלייש, וועלכע סארט ביינער, פונקטליך יעדע גרינצייג וואס דארף ווערן געשיילט, וויאזוי עס צו שניידן, און ווען עס צוצולייגן צו די טאפ וואסער. יענטי איז ארויסגעגאנגען אין געשעפט און געקויפט אלע ingredients צו קענען מאכן די זופ.

זי האט געקלערט צו זיך אז ס'דארף נישט זיין צו שווער. זי האט דאך געזען איר מאמע דאס מאכן יעדע וואך, יארן לאנג אן פארפעלן קיין איין מאל. נו, קען נישט זיין ס'זאל נעמען צו לאנג אדער זיין צו א שווערע ארבעט.

לאמיר זיך שוין שטעלן צו די ארבעט.

יענטי נעמט ארויס די גרעסטע טאפ

וואס זי האט געהאט פון איר שטאפיר סעט פון טעפ- א 8 quart טאפ. זי פרובירט זיך צו דערמאנען וואס איר מאמע האט געזאגט, וואס גייט אריין אין די טאפ ערשט. זי פילט עס אן מיט וואסער און שטעלט עס קאכן אויפן פלאם. דערנאך נעמט זי די זעקל ביינער און די פעקל פלייש און זי לייגט עס אריין באזונדער אין צוויי עקסטערע net bags אז די זופ זאל נישט ווערן א זו פון חיות און ביינער וואס שווימען ארום אין איר טאפ.

זי קנופט צו די בעג און דערמאנט זיך אז איר מאמע האט געזאגט, מ'זאל ווארטן אפאר מינוט ביז מ'זעט אז ס'הייבט שוין אן ארויפשווימען באבעלס. און נאר דאן זאל זי אריינלייגן די זעקל פלייש.

יענטי האט נישט ליב די שטילקייט. יענטי ווייסט אויך נישט אז די מדה פון יענטא'נען קען מען נוצן אויף א גוטע זאך. מ'קען א גאנצע טאג רעדן און רעדן און רעדן און נוצן די מתנה וואס דער אייבערשטער האט געשאנקען פאר אונז פרויען, און רעדן נאך אביסל און נאך אביסל מיטן אייבערשטן, פונקטליך אויסשמועסן: "באשעפער אין הימל, וואס זאל איך יעצט טון? זאל איך מאכן טאקע די זופ ערשט, אדער אפשר צושטעלן די פיש? הייליגע באשעפער העלף אז אלע מאכלים וואס איך קאך לכבוד שבת זאלן האבן א גוטע זיסע טעם, עס זאל אריינגיין אין דעם א טעם גן עדן, און ווער עס וועט דאס עסן זאל ווערן אנגעפילט מיט אמונה און מיט שמחה. הייליגע באשעפער העלף אז אין די זכות וואס איך קאך לכבוד שבת, איך פרוביר צו מאכן נאך א מאכל און נאך מאכל אלעס לכבוד שבת המלכה, אין דעם זכות זאל איך האבן א גוטע שלום בית, מיר זאלן האבן גרויס שפע. איך זאל אויך זוכה זיין אויפצושטעלן ערליכע דורות פאר דיין וועגן."

יענטי האט דאס נישט געוויסט. אבער זי האט יא געהאט די מדה פון רעדן אסאך. הייבט זי אויף איר טעלעפאן און זי רופט אן א חבר'טע שמעוסן. זיי הייבן אן א פריינטליכע שמעוס וואס האט אנגעהויבן פארן שנעל און ווייט פון איין נושא צום צווייטן.

יענטי איז גאר פרייליך און אויפגעלייגט. ערגעץ אינמיטן דערמאנט זי זיך צו געבן א קוק אריין אין איר טאפ. דארט זעט זי ווי די באבעלס שווימען שנעל און שטארק און די ווינט שוימט ארויף.

"אופס. ס'איז צייט איך זאל אריינלייגן מיין פלייש און ביינער" - רופט זי זיך אן צו איר חבר'טע. זי נעמט די צוויי זעקלעך און לייגט עס שטייט אריין אין די טאפ כדי נישט צו כאפן א ברי.

דערווייל שטעלט זי זיך שיילן די אנדערע גרינצייג און שניידן לויט וואס זי האט געדענקט איר מאמע'ס אנגעוויזן. ס'גייט נישט דורך א לאנגע צייט און יענטי, בשעת'ן יענטא'נען מיט איר חבר'טע על הא ועל דא- אויף דער style, און יענעמס חתונה, א דריטענס separation, און גאר א פיפטע sale- און יענטי הייבט אן שמעקן עפעס א שמעק וואס האט איר אויפגעוועקט פון איר יענטא'שאפט.

זי געבט זיך נאכאמאל א דערמאן, "לאמיך לויפן צום טאפ זען וואס גייט דארט פאר." יענטי מאכט אויף די דעקל פון די טאפ, פון אלע זייטן האט זי שוין געזען ווי ס'רינט ארויס געדעכטע ברוינע שטריכן פון שמוץ. זי קען נישט פארשטיין וואס דאס איז!

ווען זי קוקט אריין אין די אפענע דעקל, זעט זי א טאפ פיל מיט שמוץ. ס'האט אויסגעזען ממש ווי איינער האט אויפגעקערט די ערד און די אלע שמוץ געגעבן א ווארף אריין אין די טאפ זופ. דאס האט ארויפגעשווימען אויבן און עס באבעלט און קאכט אויף די top פון די זופ.

יענטי איז געווארן היסטעריש, "וואס גייט דא פאר? וואס גייט דא פאר מיט מיין זופ? כ'האב דאך נאך אריינגעלייגט דא וואסער, ביינער און פלייש, פון וואו קומט די אלע שמוץ?!"

"ביי ביי" זאגט זי געיאגטערהייט פאר איר חבר'טע. ווייל א חבר'טע נוצט מען דאך נאר ווען מ'דארף זיי, ווען מ'וויל אנפילן די פרייע צייט. אבער יעצט, אז יענטי האט עפעס וואס דריקט איר וואס זי דארף טון פאר זיך, געבט זי א האק אראפ אויף די חבר'טע און לאזט יענעם הענגען אינמיטן איר suspenseful מעשה וואס זי פארציילט.

זי קלונגט שנעל אן איר מאמע. א מאמע איז דאך אלעמאל גרייט פאר איר קינד. עס לוינט זיך אוועקצוגעבן אלעס צו האלטן א נאנטע קשר מיט א מאמע, צו פאברענגען מיט א מאמע, צו מכבד זיין א מאמע - ווייל נאר זי שטייט גרייט אלעמאל דיך אויסצוהערן און פרובירן דיך צו העלפן. א מאמע בלייבט דאך א מאמע.

"יענטי שעפעלע", זאגט איר מאמע. "כ'האב דיך פארגעסן צו זאגן די עיקר! ווען די זופ הייבט אן באבלען מיט די פלייש, איז וויכטיג צו האלטן אן אויג, ווייל דאן שווימט ארויף אלע איבריגע שמוץ פון די וואסער און פעטנס וואס געפונען זיך צווישן די ביינער און די הויט פון די פלייש. שטייט מען דארט ווַאך מיט א גרויסע לעפל, און מ'שוימט אפ די הויט פון די זופ. די אויבערשטע layer וואס פארזאמלט זיך פון די היץ פון קאכן די זופ, אזוי גייט אלע שמוץ און איבריגע פעטנס ארויף. מ'נעמט עס ארויס פון די טאפ און אזוי בלייבט מען איבער מיט א ריינע, זויבערע קלארע זופ."

איר מאמע פארציילט איר די מעשה וואס יענטי האט קיינמאל געהערט פארדעם. "דו ווייסט דאך יענטי טייערע, די מעשה פון באבע יענטיל נאך וועם דו הייסט". "וועלכע מעשה?" פרעגט יענטי מיט נייגער, זי קען זיך נישט דערמאנען עפעס א שיינע מעשה וואס זי האט אמאל געהערט וועגן איר באבע יענטיל וואס קומט דא אריין מיט איר טאפ זופ.

"יא", זאגט איר מאמע. "ווען באבע יענטיל האט צום ערשטע מאל געמאכט איר זופ לכבוד שבת, האט זי נישט געהאט איר מאמע וואס זאל איר געבן פונקליכע אנווייזונגען. עס איז דאך געווען הארט נאכ'ן קריג און זי איז געווען א יתומה. זי האט דאן אויפגעקאכט איר גאנצע זופ און ביים סוף זיך געטראפן מיט פיל ברוינע אומבאטעמ'טע שטיקלעך וואס שווימען ארום אין איר זופ. עס איז איר מורא'דיג נישט געפאלן. האט איר א גוטע

שכנ'טע געגעבן אן עצה, נעם א זייער און זיי דורך די זופ אז אלע שמוץ זאל בלייבן פון אויבן. אזוי וועסטו בלייבן מיט א ריינע קלארע זופ.

באבע יענטיל טראכט נישט קיין צוויי, זי נעמט ארויס איר מעהל זייער און הייבט אן דורכגיסן איר טאפ זופ אז אלע שמוץ וואס האבן ארומגעשווימען אין איר טאפ זאלן ווערן אויסגערייניגט. זי טרעפט זיך מיט א זייער פיל מיט ברוינע אומבאטעמ'טע שטיקלעך פעטנס, און אפאר מאגערע גרינצייג און ביינער וואס זי האט זיך דאן ערלויבט אריינצולייגן אן איר ארעמע זופ וואס זי האט אזוי געוואלט האבן אויף שבת קודש.

עס האט נישט געדויערט קיין צוויי מינוט און באבע יענטיל הייבט אן איינזען וואס איז דא געשען. זי האט דאך פארגעסן אינטערצולייגן א צווייטע טאפ אין וואס די זופ זאל אריינרינען... איז זי געבליבן נאר מיט די שמוץ פון אויבן און אוועקגעגאסן די פיינע, הארציגע זופ אוף וואס זי האט זיך אזוי מוסר נפש געווען און אוועקגעגעבן איר טייערע צייט צוצושטעלן פאר שבת.״

יענטי צולאכט זיך אויפן קול, ״דאס איז א גוטס מאמי, נאך שיין אז דו זאגסט מיך עס יעצט ווען איך האלט נאכנישט ביים סוף פון די זופ. דו ווייסט דאך אז איך קען נישט ליידן די שמוץ אין די זופ. איך שפור טאקע אז יעצט איז א געלעגנהייט מאמי וואס איך קען דיך טאקע בעטן מחילה אויף די אלע יארן וואס איך פלעג זיך אפרעדן און די מוטשענען אז איך וויל נישט די טעלער וואס האט שמוץ אין דעם, פארוואס דו געבסט מיר פונקט די טעלער וואס דו האסט אויפגעקערט די ערד און אריינגעווארפן די שמוץ. יעצט איז די ערשטע מאל וואס איך טאקע פארשטיי פון ווי די שמוץ קומט. לאמיך שוין נעמען די גרויסע שעפ לעפל און אראפנעמען די שיכט פון מיין טאפ זופ, עס זאל בלייבן שיין, קלאר און גאלד לכבוד שבת קודש.״

***

דער הייליגער רבי זאגט: ווען א מענטש איז זוכה, ער ווערט נאנט צו א צדיק, הייבט ער אן דורכגיין א פראסעס, פונקט ווי א טאפ זופ.

ווען די יארן לויפן און מען טראכט נישט קיין צוויי, איז זייער גרינג צו שפירן גוט ביי זיך, און האלטן אז איך בין פיין, איך בין גוט, איך דארף נישט קיין חיזוק, ווייל איך בין פיין מסודר.

מיינע צוויי מצוות האב איך זיך, וואס איך שפיר אז איך צייכן זיך אויס, און מיט דעם פיל איך זיך 'משה גרויס', אז איך בין שוין פון די וואוילע פרויען פון כלל ישראל. אבער, זאגט דער הייליגער רבי, ווען מען איז זוכה און מען הייבט אן הערן און ליינען די עצות פון אמת'ע צדיקים, ווערט מען אזוי ווי א טאפ וואסער וואס קאכט זיך אויף, ווען מען גיסט אריין די וואסער זעט עס טאקע אויס שיין און קלאר, אזוי ווי מיר שפירן פון זיך פארן צוקומען צו די עצות פון א צדיק, וואס וויל אונז נאר ברענגען נענטער צום אייבערשטן, און אונז אויפקאכן מיט א ברען צו טון נאר דעם אייבערשטנ'ס ווילן.

וויבאלד אבער, א צדיק איז דאך די פייער וואס צינדט אונז אן, און הייבט אונז אן קאכן און ברענגען נאר פאר דעם אייבערשטער'ס וועגן, ווערן מיר אויפגעקאכט, און עס הייבט אן ארויפשווימען אלע אלטע שלעכט'ס וואס מיר פארמאגן אין זיך.

ווען די וואסער איז נאך קאלט, קען מען עס נישט אנזען, עס זעט דאך אויס שיין און ריין, אבער די ברען פון א צדיק, די פייער וואס הייבט אן קאכן אין אונז, מאכט עס זאל ארויסשווימען אלע שמוץ וואס זענען אויסגעמישט מיט די גוטס. דאס קען נאר געשען דורכ'ן קאכן, און צוביסלעך קומט ארויס שלעכטס און שמוץ, וואס מיר האבן אליין נישט געגלייבט אדער געוואוסט אויף זיך, ווייל אן א צדיק לעבט מען דאך אין א באבל, מען לעבט נישט מיטן אמת, און נישט מיט תכלית.

פלוצלונג ווען מען הייבט אן הערן עצות אויף התבודדות, אויף תפילה, אויף אמונה, הייבט זיך אן קאכן ביי אונז אין מח, אסאך מחשבות, און אסאך אנערקענונג אז מיר זענען נאך זייער ווייט פון זיין זויבער און ריין. מען הייבט אן זען ביי זיך פיל פעלערן און שמוץ און פלעקן וואס מיר האבן פארדעם נישט געוואוסט אז זיי זענען דארט. מען הייבט זיך אן שפירן זייער ווייט פונעם אייבערשטן, זייער ווייט פון דעם אמת, און דאס קען זייער שטארק צוברעכן און צוקלאפן א מענטש.

אבער, דער הייליגער רבי- וואס זאגט אונז אויס די סוד, אז ווען דו ווערסט נאנט צום צדיק, הייבסטו אן זען ווי סאך ארבעט דו האסט נאך צו טון אויף זיך, ווי ווייט דו ביסט נאך פון זיין פערפעקט- דער צדיק געבט דיר אויף די עצה, ווי אזוי דורך צו מאכן די סטעידש פון ווערן אויפגעקאכט.

דער רבי זאגט מען דארף שטיין אויף די וואך, מיט א גרויסע שעפ לעפל, און ווען מען הייבט אן זען אז עס קומט ארויס די ערגסטע און די מיאוס'טע פון אונז, זאל מען שנעל נעמען די גרויסע שעפ לעפל, און מען זאל אנהייבן שעפשענען מיט די ליפן תפילות, זיך אויסצורייניגן, זיך אויסצוקלארן ארויסצונעמען אלע שלעכטע מידות, נאטורן, און תאוות פון אונזער נפש, און אזוי זענען מיר זוכה צו ווערן אמת'דיג אויסגערייניגט.

פאר מען קאכט אויף די וואסער אדער די זעקל פלייש, איידער מען ווערט מקורב צו אמת'ע צדיקים, קען מען נישט ארויסשלעפן די שלעכטס, ווייל מען זעט עס בכלל נישט אן, און אויב מען פראבירט צו אויסרייסן עפעס שלעכטס אן דעם אמת'ן צדיק, ווערט דאך די גאנצע וואסער אויסגעגאסן, ווערט דאך די גאנצע פלייש און מח ארויסגעריסן, ווייל עס איז אזוי שטארק צוגעקלעפט איינס צו די אנדערע. נאר דורך די פלאם פון א אמת'ן צדיק, קענען מיר זיך אמת'דיג אויסרייניגן, ארויסנעמען יעדע טראפ קנאה, שנאה, גיאות, כבוד, כעס, נערוון, שלעכטס וואס מיר פארמאגן אין זיך.

יעצט אין די ימי השובבי״ם איז א פאסיגע צייט זיך צו נעמען שעפן תפילות מיט א גרויסע שעפ לעפל, און בעטן דעם אייבערשטן זיך אויסצוארבעטן אונזערע שווערע נאטורן, און זיך נישט לאזן ארויסרינען אדער דורכפאלן די לעכער פון די זייער פון אמת.

# Starbucks Jumbo Cookies

BY: S. BAUM

## INGREDIENTS:

- 1 1/2 CUPS GRANULATED BROWN SUGAR
- 1 CUP SUGAR
- 2 STICKS MARGARINE
- 3/4 CUP OIL
- 1 T VANILLA SUGAR
- 2 EGGS
- 4 CUPS FLOUR
- 2 TSP BAKING SODA
- 1 TSP SALT
- 1 1/2 BAG CHOCOLATE CHIPS
- CHOCOLATE CHUNKS

## DIRECTIONS:

CREAM VERY WELL WITH MIXER BROWN SUGAR, SUGAR AND MARGARINE.

SCRAPE SIDES, MIX AGAIN. ADD REST INGREDIENTS BESIDES CHOCOLATE CHUNKS.

SCOOP WITH A BIG SCOOPER.

PUT 6 SCOOPS ON A LINED COOKIE SHEET. (IT SPREADS ALOT)

TOP WITH ABOUT 4-5 CHOCOLATE CHUNKS.

BAKE 350 18 MIN.

NOTE: CAN ALSO BE DONE BY HAND






בילדער פארן פארמעסט קען מען אריינשיקן ביז דאנערשטאג פרשת בשלח 6:00 ביינאכט

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי זאגט: די גאנצע פרנסה קומט בזכות די פרוי

## ברסלבי'ע חידות

**מוהרא"ש זאגט: דער הייליגער בית יוסף האט זוכה געווען אז מען האט אנגענומען זיין ספר, דער שלחן ערוך צוליב זיין גרויסע**

א. דרך ארץ
ב. ענוה
ג. יחוס
ד. קאפל

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

מוהרא"ש זאגט: דער רמ"א האט זוכה געווען אז מיר אלע פסק'נען ווי דער רמ"א בזכות וואס ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען אין די מצוה פון צדקה

## געב א שמייכל

**וועלכע מענטש האט ארבעט ביז איבערן קאפ?**

א מעשה...

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**לו. מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה, אֵינוֹ מְקַבֵּל מוּסָר.**

וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, נֶעמְט נִישְׁט אָן קֵיין מוּסָר.



# ברייק טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל ווען דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **יוסף פרידריך - קרית ברסלב - כתה ב'**

# מעשה'לעך פאר קינדעלעך

## אִיךְ גֵיי צוּם רֶבִּי'ן

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיבְן אִין הִימְל מִיט אוּנְזֶער נְשָׁמָה; דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, וֶוען עֶר וֶועט נִפְטָר וֶוערְן, זַיין נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל, וֶועט דִי נְשָׁמָה גֵיין אִין גַן-עֵדֶן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דֶער וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִיק וֶועט אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין נָאכְן נִפְטָר וֶוערְן צוּם צַדִיק.

הֶערְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, רֶבִּי סֶענְדֶר'ל פוּן טִירָאוִויצֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. דֶער רֶבִּי סֶענְדֶר'ל אִיז גֶעוֶוען אַן עוֹבֵד הַשֵׁם, אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, סוֹף יָמָיו הָאט עֶר גֶעווֹאוֹינְט אִין אוּמַאן אוּן זַיין סֵדֶר הַיוֹם אִיז גֶעוֶוען אַז יֶעדְן פַארְטָאגְס פְלֶעגְט עֶר גֵיין צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן לֶערְנֶען דָארְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אַמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען פַארְטָאגְס צוּם צִיוּן הָאט מֶען גֶעזֶען אַ וַוייסֶע גֶעשְׁטַאלְט שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן בַּיים צִיוּן.

מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: 'וָואס אִיז דָאס? אֶפְשָׁר אַ מַלְאָךְ? אֶפְשָׁר אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ?' קוּקְנְדִיג הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז רֶבִּי סֶענְדֶר'ל פוּן טִירָאוִויצֶע!" דֶער רֶבִּי סֶענְדֶר'ל אִיז גֶעוֶוען בַּאדֶעקְט פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס מִיט שְׁנֵיי.

מֶען אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי סֶענְדֶר'ל וָואס טוּט אִיר דָא? עֶס אִיז קַאלְט אוּן עֶס שְׁנֵייט, אִיר וֶוערְט דָאךְ פַארְפְרוֹירְן?!" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פַארְטָאגְס צוּם צִיוּן אוּן גֶעזֶען אַז דֶער צִיוּן אִיז פַארְשְׁפַּארְט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן רֶבִּינְ'ס צִיוּן; אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן אִיךְ וִויל גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הֵיכַל אִין גַן עֵדֶן, וִויל אִיךְ נִישְׁט מֶען זָאל מִיר אַוֶועקְשְׁטוּפְּן מִיט תֵּירוּצִים: 'עֶס רֶעגְנְט, עֶס שְׁנֵייט, עֶס אִיז וַוייט, עֶס אִיז קַאלְט' אוּן דָאס גְלַייכְן, אִיךְ וֶועל זָאגְן פַאר דִי מַלְאָכִים אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף תֵּירוּצִים, אִיךְ בִּין יֶעדְן טָאג גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וִויל אִיךְ יֶעצְט אוֹיךְ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָן קַיין תֵּירוּצִים - וֶועט מֶען מִיר מוּזְן לָאזְן גֵיין צוּם רֶבִּי'ן".




אַ ווייסֶע גֶעשְׁטַאלְט שְׁטֵייט אִינְדְרוֹיסְן בַּיים צִיוּן

# קליין און פיין


חי' אסתר און רחל יאקאבאוויטש


אדי סאמעט


אליעזר שלמה וועבערמאן


צפורה בירנבוים


אדי סאמעט


רבקה יאקאבאוויטש,


רייצי הערצאג, רייזי איידליס


אליעזר שלמה קרויס


מענדל פרידמאן


דינה יאקאבאוויטש

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



שלום פארקאש




חיה שרי הורוביץ



קיילי ווייס




משפחת פינטער



שלמה, שרי הערצאג מיט סענדער שווארץ



אליעזר שלמה און ישעי' פיש







פערטע קלאס שטעטל, פרשת שמות

# יאקאב!

*אין קורצן פון פריער:* ***יעקב (יאקאב) איז אנטלאפן פון ליטא קיין רוסלאנד דורך וועלדער. ער איז אנגעקומען צו אוזבעקיסטאן. דארט האט דער הויפט אפגעמאכט אז ער וויל אים נעמען פאר א חתן פאר זיין טאכטער. יאקאב איז אנטלאפן צו די וואלד ארום די קאלכאז.***

***פון דארט איז ער אנטלאפן מיט א העליקאפטער. און פון דארט מיטן באן קיין סאמארקאנד.***

***און יעצט לייענט ווייטער!***

דארט צווישן די בחורים און יונגעלייט איז געווען א יונגע בחור: "יו"ט עהרליך".

ווען יו"ט האט געזען יעקב פאטאש און געהערט פון אים זיין געשיכטע, האט ער אים געזאגט, "קום צו מיר אהיים, מיין מאמע וועט דיר געבן פרישע קליידער און דו וועסט זיך שערן און אפוואשן."

יעקב איז אהיים צו משפחת עהרליך. יו"ט'ס מאמע האט זיך אפגעגעבן מיט אים ווי מיט אן אייגן קינד און ער איז שוין פארבליבן ביי משפחת עהרליך ווי א קינד ביי זיי

אין יענע טעג נאכ'ן קריג האבן רוב לענדער פארמאכט זייערע טירן פאר די אידישע פליטים (די אנטלאפענע אדער געראטעוועטע פון קריג) . מענטשן האבן געווארט אויף פאפירן אנצוקומען צו סיי וועלכע לאנד, וואס האט מסכים געווען אריינצונעמען אידן.

נאך א שטיק צייט האט משפחת עהרליך באקומען וויזעס (פאפירן צו קענען פארן קיין פאריז

דארט אין פאריז איז יעקב א חתן געווארן צו אן ערליכע אידישע מיידל און דאס הייפעלע אידן האבן זיך אנגעהויבן גרייטן אויף א פרייליכע באשיידענע חתונה.

דאס איז געווען אין יאר תש"ז. אינמיטן די חתונה האט דער בחור יו"ט עהרליך געמאכט אן איבערראשונג. ער האט שטיל געמאכט דעם עולם און אנגעהויבן פארזינגען א ניגון וואס ער האט געמאכט לכבוד די חתונה.

יו"ט עהרליך האט געמאכט סיי די ניגון און סיי די גראמען...

***

אין אוזבאקיסטן

אויף די בערג פון דידזשאן

ביים גרעניץ פון אינדיא און אפגאניסטאן..

א דארף איז פאראן

וואס זעט נישט קיין באן

מען פארט דארט אהין נאר מיט אן עראפלאן.

די נאכט אזוי שטיל

מען הערט נישט קיין טריל

עס שלאפט שוין דער דערפל

די בערג און די מיל..

און ווייט פון דער וועלט

מיט פעלדער פארשטעלט

פארט זיך א טראקטאר

א קליינער אין פעלד.

זיצט אויפן טראקטאר א בחור א העלד

און פירט ווי א שיפל זיין טראקטאר אין פעלד

ש. טראכטער

# 11

יאקאב
דער זינגער
געהייסן האט ער
און קיינער עס ווייסט נישט פון וואנען און ווער.

פארוויכערט דער פנים
פארבוימלט די הענט
קיינער אין דארף האט אזוי נישט געקענט
פירן דעם טראקטאר פארריכטן אים פלינק
פון זומפן ארויסשלעפן אים אזוי גרינג.

קיינער אין דארף עס האט נישט געוואוסט אין זיין סוד
ווי קומט ער אהער ווי שרעקליך ס'איז ווייט פון זיין שטאט..
ווי וואונדערליך האט אים דער רוסישער באן
פארווארפן קיין אוזבעקיסטאן
און מיטן טראקטאר פארשיקט דא אהער
צו ארבעטן ביטער און שווער.

זינגען פלעגט ער לידער געשמאק אין די נעכט
און ס'האבן די לידער געקלונגען און ווייט זיך געהערט.
ס'פלאגן פיל שאטנס שטיל קומען צו גיין
שטיין און נישט קענען פארשטיין
ווער איז ער אט-אט דער מאדנער
טאדזשיק
ער גיט אויף זיי
גארנישט קיין בליק..

ווייל נישט פון די בערג און די פעלדער האט יאקאב געדענקט
און נישט נאך די ווילדע טאדזשיקן האט יאקאב געבענקט
ער בענקט צו זיין טאטן און מאמען אהיים
צום הייזל צום הויפל צום בוים.

ער בענקט צום ישיבה וואו ער האט פארבראכט
און לערנען בייטאג און ביינאכט
אמר רבא, אמר רב פפא
האט עס אביי גאר אנדערש באטראכט
און האט א ראייה צו דעם געבראכט.

און מהרש"א, רשב"א, ריטב"א
עס לויפן אדורך גיך א שעה נאך א שעה
רמב"ם, רמב"ן, רבינו תם
נישטא אין דער וועלט נאך קיין בעסערער טעם.

אמר רב הונא, רב סבא הממונא
האט אויף דעם שמאי אמאל נאכגעקלאגט
געקומען איז הלל און אנדערש געזאגט
ביז אינדרויסן האט שוין געטאגט..

שבת אין דעם טיי-הויז ביי דעם טשאייניק טיי
איז ער געזעסן, יאקאב!
מיט טאדזשיקן אלע אויף די ערד..
פון זיין בענקשאפט, פון זיין ווייטאג
האט ער נישט געקענט פארגעסן, יאקאב!
און ס'האט קיינמאל גארנישט אויפגעהערט.

רופט זיך אן צו אים דער בעל-הבית
דער פירער פון זיי אלע, יאקאב!
איך וויל מיט דיר רעדן צו דער זאך.
איך האב א טאכטער יונג און שיין
איך וועל דיר געבן פאר א כלה, יאקאב!
און אויך נדן קריגסטו גאר אסאך.

דרייסיג בהמות, פופצן אקסן
צוואנציק קליידער פאר דיין כלה, יאקאב!
און א זעקל אנגעשטאפט מיט געלט.
און עס הערן די טאדזשיקן
און זיי הייבן אן צו שרייען יאקאב!
דו קריגסט די שענסטע כלה אויף דער וועלט..
יאקאב זיצט די קאפ געבויגן און רעדט נישט קיין ווארט
ער איז איצט אוועקגעפלויגן אין א ווייטן ווייטן ארט..

## ש. טראכטער

ער זעט זיין מאמען בענטשן ליכט
און זאגט א תחינה מיט
איי, היט מיין יאנקעלע'ן באשעפער
ער זאל בלייבן דארט א איד.
יאקאב הויבט זיך אויף, און רופט זיך אויך אן
איך בין א איד, און איך קען עס נישט טאן..
מיין תורה ערלויבט מיר נישט נעמען א פרוי
וואס גלויבט נישט און טראכט נישט ווי איך אזוי.

און ס'האבן טאדזשיקן א פלאן זיך געמאכט
צו מאכן א סעודה אויף מארגן ביינאכט
און יאקאב'ן וועט מען אויך ברענגען און באלד
חתונה מאכן אפילו מיט געוואלד.

שטיל דער פארנאכט ביים טראקטאר זיצט יאקאב אליין
ער זיצט און ער טראכט און הויבט שוין אן אלעס פארשטיין
אז זיי וועלן קומען צו אים אהער באלד
און נעמען אפילו מיט געוואלד
מען וועט אים אנטרינקן מיט א פיום, מיט וויין
דאן וועט ער זייערער זיין.
און שיין דער פארנאכט די זון פאר די בערג זי פארגייט
ער זיצט און ער ווארט און וידוי ער זאגט שטילערהייט.

עס שטייען די בערג מיט די וויסע קעפ
און עס וואוינען שאקאלן אין סטיעפ
עס קוקן די פעלזן צום הימל מיט שרעק
און זאגן נישטא דא קיין וועג.

און פלוצלינג פון וויטן גענומען האט שפילן מוזיק
ער הערט די געשרייען מען פירט שוין די כלה מיט גליק
און פונקט ווי פון שלאף כאפט זיך יאקאב שנעל אויף
און הויבט אן צו גיין צום דעם הויף
ער וועט נאר אריינגיין צו זיך אין געצעלט
צו נעמען זיין רענצל מיט געלט.
ער גייט, ער גייט, פונקט ווי צום טויט
ער שטייט שוין ביים טויער, ער עפענט אים ברייט.

ער קוקט אריין און זעט דעם שיין
ער שמעקט די וויין ער וויל שוין אריין..
אמר רבא, אמר רב פפא
זעט ער איין אותיות פלוצלינג אין וועג
זיי ווינקען, זיי רופן און ריידען מיט שרעק
וואס טוט איר? ר' יאקאב, שנעל לויפט אוועק.

קלאפן פויקן שפילן דזשאמבלעס
אויבן אן עס זיצט די כלה, יאקאב!
און בריליאנטן פינקלן ארום איר.
און איר פאטער מיט איר מוטער
און די מחותנים אלע, יאקאב!
זענען שוין געגאנגן ברענגן דיר.
און ווייט אויף די הויכע בערג אין דער פינסטערע נאכט
קריכט א מענטש דארט אויסגעצויגן מיט די אויגן צוגעמאכט
ביי די זייטן טיפער אפגרונט אויפן קרבן גרייט
יאקאב האט פאר זיי נישט מורא און זיין הארץ איז פול מיט פרייד.
נאר איין וועג עס האט די תורה און דאס איז דער וועג
בעסער דא צושמעטערט ווערן און פון תורה נישט אוועק..
נישטא קיין זאך וואס קען אפשרעקן דעם ערליכן איד
אז ער גייט נאר אין ג-ט'ס וועגן
גייט ג-ט מיט אים און ער היט.

עס איז שוין איבער 70 יאר פון דאן, און די ניגון "יאקאב" ווערט געזונגען איבער די גאנצע וועלט. ווייל ר' יעקב פאטאש איז א סימבאל פון די כח וואס ליגט אין יעדע איד

*ענדע ברוך השם.*

# געמאלן

א מעשה פון תפלה



מַייְנֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גֶעשֶׁעפְּט.



אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל נִישְׁט מְקַנֵא זַיין!




געמאלן דורך:
משה אריה יאבשעו נ"י
ארץ ישראל



אִיךְ פִּיל נִישְׁט גוּט.



אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל פִּילְן גוּט



שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ פִּיל שׁוֹין גוּט.

געמאלן דורך:
רבקה וועבערמאן תחי'
קרית ברסלב

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# דער אוצר איפן באן 29

## דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע



# געשעניש

## אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





יארצייט סעודה פון רבי נתן זצ"ל צוזאמען מיט סיום ליקוטי מוהר"ן דורך מו"ה נח לוין הי"ו אין היכל הקודש אלעד



דער דיין שליט"א באטראכט די ארבעט ביי די מקוה אין ביהמ"ד אשר בנחל אין שטעטל



שיינע אוצר הספרים אין היכל הקודש אלעד

קרעדיט: שלמה האמער, יוסי פרערויא, מאטי ראזנפעלד, לייבי ראטה








**ווייטערדיגט פארשריט מיט די בוי ארבעט ביי די עקסטענשן פון ביהמ"ד אויף האשקי אין שטעטל**




**אויספארקויף פאר מענער בגדים דורכן בית התבשיל**

קרעדיט: שמעון פארטוגאל, שמעון פיש, אייזיק ראטה, נפתלי זאבעל, אליעזר דייטש, יוסי פרערויא, מאטי ראזנפעלד, איציק מענדעלאוויטש, בנימין זאב זוסמאן, יעקב פיש



פרייליכע חתונה פון החתן יהושע ני"ו בן מו"ה שאול חיים איינהארן הי"ו - ג' שמות תשפ"ה



דער ראש ישיבה שליט"א מיט אנשי שלומינו ביים אויסהערן שובבי"ם תורה פון רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל

# די קינדער פון משפחת מארקאוויטש פון וויליאמסבורג וואקסן אויף געזונט!

אלעס אין איינע זכות!

**לעצטע געלעגנהייט!**

זכות פרק $1000

זכות $500

קרן הדפסה

היכל הקודש ברסלב

להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם




פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי **מו"ה לייבי ראטה הי"ו**

347 578 4449

*sruliHeskel